# תּורה נבֿיאים וכתובֿים
## תּרגום ייִדיש פֿון יהואש

# שופֿטים

א 1 און עס איז געווען נאָך דעם טויט פֿון יהושוען, האָבן די
קינדער פֿון ישׂראל געפֿרעגט בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: ווער זאָל
אונדז צוערשט אַרויפֿגיין אַקעגן דעם כּנַעני, מלחמה צו האַלטן אויף
אים? 2 האָט גאָט געזאָגט: יהודה זאָל אַרויפֿגיין; זע, איך האָב
געגעבן דאָס לאַנד אין זײַן האַנט.

3 האָט יהודה געזאָגט צו זײַן ברודער שמעון: גיי אַרויף מיט מיר אין
מײַן גורל, און מיר וועלן מלחמה האַלטן אויפֿן כּנַעני, און איך וועל
אויך גיין מיט דיר אין דײַן גורל. איז שמעון געגאַנגען מיט אים.

4 און יהודה איז אַרויפֿגעגאַנגען, און גאָט האָט געגעבן דעם כּנַעני
און דעם פּרִזי אין זייער האַנט, און זיי האָבן געשלאָגן פֿון זיי אין בֶזק
צען טויזנט מאַן. 5 און זיי האָבן געפֿונען אדוני-בֶזקן אין בֶזק, און
האָבן מלחמה געהאַלטן אויף אים, און האָבן געשלאָגן דעם כּנַעני
און דעם פּרִזי. 6 איז אדוני-בֶזק אַנטלויפֿן, און זיי האָבן אים
נאָכגעיאָגט, און האָבן אים געכאַפּט, און האָבן אָפּגעהאַקט די
דוימען פֿון זײַנע הענט און זײַנע פֿיס. 7 האָט אדוני-בֶזק געזאָגט:
זיבעציק מלָכים מיט די דוימען פֿון זייערע הענט און זייערע פֿיס
אָפּגעהאַקט האָבן געקליבן אונטער מײַן טיש; אַזוי ווי איך האָב
געטאָן; אַזוי האָט מיר גאָט באַצאָלט, און זיי האָבן אים געבראַכט
קיין ירושלַים, און ער איז דאָרטן געשטאָרבן.

8 און די קינדער פֿון יהודה האָבן מלחמה געהאַלטן אויף ירושלַים,
און האָבן זי באַצוווּנגען, און זי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד,

און די שטאָט האָבן זיי אַוועקגעלאָזט אין פֿײַער. 9 און דערנאָך האָבן
די קינדער פֿון יהודה אַראָפּגענידערט מלחמה צו האַלטן אויף דעם
כּנַעני, דעם באַווינער פֿון דעם געבערג און דעם דָרום און דער
נידערונג. 10 און יהודה איז געגאַנגען אויף דעם כּנַעני וואָס איז
געזעסן אין חֶבֿרון– און דער נאָמען פֿון חֶבֿרון איז פֿריער געווען
קִרית-אַרבע– און זיי האָבן דערשלאָגן שֵשַין, און אַחימַנען, און
תַלמַין. 11 און פֿון דאָרטן איז ער געגאַנגען אויף די באַווינער פֿון
דבֿיר; און דער נאָמען פֿון דבֿיר איז פֿריער געווען קִרית-סֵפֿר.

12 און כָּלֵבֿ האָט געזאָגט: ווער עס וועט שלאָגן קִרית-סֵפֿר, און וועט
זי באַצווינגען, וועל איך אים געבן מײַן טאָכטער עַכסָהן פֿאַר אַ ווײַב.
13 האָט זי באַצוווּנגען עָתניאֵל דער זון פֿון קנַזן, כָּלֵבֿס ייִנגערער
ברודער, און ער האָט אים געגעבן זײַן טאָכטער עַכסָהן פֿאַר אַ ווײַב.
14 און עס איז געווען, אַז זי איז אָנגעקומען, האָט זי אים אָנגערעדט
צו בעטן פֿון איר פֿאָטער אַ פֿעלד. און ווי זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט
פֿון אייזל, אַזוי האָט כָּלֵבֿ צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר? 15 האָט זי
צו אים געזאָגט: שענק מיר אַ מתּנה; וואָרום אין אַ טרוקענעם לאַנד
האָסטו מיך אויסגעגעבן; דרום זאָלסטו מיר געבן קוואַלן וואַסער.
האָט איר כָּלֵבֿ געגעבן די אויבערשטע קוואַלן און די אונטערשטע
קוואַלן.

16 און די קינדער פֿון דעם קֵיני, משהס שווער, זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען
פֿון דער שטאָט פֿון טייטלביימער מיט די קינדער פֿון יהודה צו דעם
מדבר פֿון יהודה וואָס אין דָרום פֿון עַרָד; און זיי זײַנען געגאַנגען און
האָבן זיך באַזעצט מיט דעם פֿאָלק.

17 און יהודה איז געגאַנגען מיט זײַן ברודער שמעון, און זיי האָבן
געשלאָגן דעם כּנַעני, דעם באַווינער פֿון צפַֿת און האָבן זי געמאַכט
חרם, און מע האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט חָרמה. 18 און
יהודה האָט באַצוווּנגען עַזָה מיט איר געמאַרק, און אַשקלון מיט איר
געמאַרק, און עקרון מיט איר געמאַרק. 19 און גאָט איז געווען מיט
יהודה, און ער האָט אײַנגענומען דאָס געבערג; וואָרום די באַווינער
פֿון טאָל איז ניט געווען צו פֿאַרטרײַבן, ווײַל זיי האָבן געהאַט
אײַזערנע רײַטוועגן. 20 און זיי האָבן געגעבן חֶבֿרון צו כָּלֵבֿן, אַזוי ווי
משה האָט אָנגעזאָגט; און ער האָט פֿאַרטריבן פֿון דאָרטן די דרײַ זין
פֿון עֲנָק.

21 און דעם יבֿוסי, דעם באַוווינער פֿון ירושלַיִם, האָבן די קינדער פֿון
בנימין ניט פֿאַרטריבן; און דער יבֿוסי איז געבליבן זיצן מיט די
קינדער פֿון בנימין אין ירושלַיִם ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

22 און דאָס הויז פֿון יוסף, זיי אויך זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אויף בֵית-
אֵל, און גאָט איז געווען מיט זיי. 23 און דאָס הויז פֿון יוסף האָט
געלאָזט אויסקוקן בֵית-אֵל– און דער נאָמען פֿון דער שטאָט איז
פֿריער געווען לוז– 24 און די וועכטערס האָבן געזען אַ מאַן
אַרויסגיין פֿון שטאָט, און האָבן צו אים געזאָגט: ווײַז אונדז
אַקאָרשט דעם אײַנגאַנג פֿון שטאָט, און מיר וועלן טאָן מיט דיר
חסד. 25 האָט ער זיי געוויזן דעם אײַנגאַנג פֿון שטאָט, און זיי האָבן
געשלאָגן די שטאָט מיטן שאַרף פֿון שווערד; און דעם מאַן און זײַן
גאַנצע משפּחה האָבן זיי אַוועקגעלאָזט. 26 און דער מאַן איז
געגאַנגען אין לאַנד פֿון די חִתּים, און האָט געבויט אַ שטאָט, און
גערופֿן איר נאָמען לוז; דאָס איז איר נאָמען ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

27 און מנשה האָט ניט פֿאַרטריבן בֵית-שאָן און אירע
טעכטערשטעט, און תּענך און אירע טעכטערשטעט, און די
באַוווינער פֿון דור און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פֿון
יִבֿלעם און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פֿון מגִדו און
אירע טעכטערשטעט; און דער כּנַעני איז באַשטאַנען צו בלײַבן זיצן
אין דעם דאָזיקן לאַנד. 28 און עס איז געווען, אַז ישׂראל איז שטאַרק
געוואָרן, האָט ער געמאַכט דעם כּנַעני צו צינדז, אָבער פֿאַרטרײַבן
האָט ער אים ניט פֿאַרטריבן.

29 און אפֿרים האָט ניט פֿאַרטריבן דעם כּנַעני וואָס איז געזעסן אין
גֶזֶר, און דער כּנַעני איז געבליבן זיצן צווישן אים אין גֶזֶר.

30 זבֿולון האָט ניט פֿאַרטריבן די באַוווינער פֿון קִטרון, און די
באַוווינער פֿון נַהלול; און דער כּנַעני איז געבליבן זיצן צווישן אים,
און איז געוואָרן צו צינדז.

31 אָשר האָט ניט פֿאַרטריבן די באַוווינער פֿון עַכּו, און די באַוווינער
פֿון צידון, און אַחלבֿ, און אַכזיבֿ, און חֶלבה, און אַפִיק, און רחובֿ. 32
און דער אָשֵרי איז געזעסן צווישן דעם כּנַעני, די באַוווינער פֿון
לאַנד, וואָרום ער האָט אים ניט פֿאַרטריבן.

33 נפֿתּלי האָט ניט פֿאַרטריבן די באַווינער פֿון בֵית-שֶמש, און די
באַווינער פֿון בֵית-עַנת. און ער איז געזעסן צווישן דעם כּנַעני, די
באַווינער פֿון לאַנד; אָבער די באַווינער פֿון בֵית-שֶמש און בֵית-עַנת
זײַנען געוואָרן בײַ זײ צו צינדז.

34 און דער אֶמורי האָט אַרויפֿגעשטופּט די קינדער פֿון דן צום
געבערג, וואָרום ער האָט זײ ניט געלאָזט אַראָפּנידערן אין טאָל. 35
און דער אֶמורי איז באַשטאַנען צו בלײַבן זיצן אין הַר-חֶרס, אין
אַיָלון, און אין שַעַלבִים; אָבער די האַנט פֿון דעם הויז פֿון יוסף איז
געווען שווער [אויף זײ], און זײ זײַנען געוואָרן צו צינדז. 36 און דער
געמאַרק פֿון אֶמורי איז געווען פֿון דעם אויפֿגאַנג פֿון עַקרַבִים פֿון
סֶלע און אַרויף צו.

# ב

1 און אַ מלאך פֿון גאָט איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון גִלגל קיין
בוכים, און ער האָט געזאָגט: איך האָב אײַך אַרויפֿגעבראַכט פֿון
מצרים, און האָב אײַך געבראַכט אין דעם לאַנד וואָס איך האָב
צוגעשוואָרן אײַערע עלטערן; און איך האָב געזאָגט: איך וועל ניט
פֿאַרשטערן מײַן בונד מיט אײַך אויף אײביק; 2 נאָר איר זאָלט ניט
שליסן אַ בונד די באַווינער פֿון דעם דאָזיקן לאַנד; זײערע מזבחות
זאָלט איר צעברעכן. אָבער איר האָט ניט צוגעהערט צו מײַן קָול.
וואָס האָט איר דאָ געטאָן? 3 דרום, אויך זאָג איך: איך וועל זײ ניט
פֿאַרטרײַבן פֿון פֿאַר אײַך, און זײ וועלן אײַך זײַן פֿאַר נעצן, און
זײערע געטער וועלן אײַך זײַן פֿאַר אַ שטרויכלונג.

4 און עס איז געווען, ווי דער מלאך פֿון גאָט האָט גערעדט די
דאָזיקע ווערטער צו אַלע קינדער פֿון ישׂראל, אַזוי האָט דאָס פֿאָלק
אויפֿגעהויבן זײער קָול, און זײ האָבן געוויינט; 5 דרום האָט מען
גערופֿן דעם נאָמען פֿון יענעם אָרט בוכים. און זײ האָבן דאָרטן
געשלאַכט צו גאָט.

6 און אַז יהושוע האָט פֿאַנאַנדערגעשיקט דאָס פֿאָלק, און די קינדער
פֿון ישׂראל זײַנען געגאַנגען איטלעכער צו זײַן נחלה, צו אַרבן דאָס
לאַנד, 7 האָט דאָס פֿאָלק געדינט גאָט אַלע טעג פֿון יהושוען, און
אַלע זקנים, וואָס האָבן מאריך-ימים געווען נאָך יהושוען, וואָס האָבן
געזען אַלדי גרויסע טוּונג פֿון גאָט וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר ישׂראל.

8 און יהושוע דער זון פֿון נון, דער קנעכט פֿון גאָט, איז געשטאָרבן
צו הונדערט מיט צען יאָר. 9 און מע האָט אים באַגראָבן אין דעם
געמאַרק פֿון זײַן נחלה, אין תּמנת־חֶרס, אין דעם געבערג פֿון אפֿרים
אין צפֿון פֿון באַרג געש. 10 און אויך יענער גאַנצער דור איז
אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַנע עלטערן, און אַן אַנדער דור איז
אויפֿגעשטאַנען נאָך זיי, וואָס האָבן ניט געקענט גאָט, און ניט די
טואונג וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר ישׂראל. 11 און די קינדער פֿון
ישׂראל האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט, און זיי
האָבן געדינט די בַעַל־געטער. 12 און זיי האָבן פֿאַרלאָזן יהוה דעם
גאָט פֿון זייערע עלטערן, וואָס האָט זיי אַרויסגעצויגען פֿון לאַנד
מצרים, און זיי זײַנען געגאַנגען נאָך פֿרעמדע געטער, פֿון די געטער
פֿון די פֿעלקער וואָס רונד אַרום זיי, און זיי האָבן זיך צו זיי געבוקט,
און האָבן דערצערנט גאָט. 13 און זיי האָבן פֿאַרלאָזן יהוה, און
געדינט צו בַעַל און צו די עשתּרות. 14 האָט דער צאָרן פֿון גאָט
געגרימט אויף ישׂראל, און ער האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פֿון
רויבער וואָס האָבן זיי באַרויבט, און ער האָט זיי איבערגעענטפֿערט
אין דער האַנט פֿון זייערע פֿײַנט פֿון רונד אַרום, און זיי האָבן מער
ניט געקענט באַשטיין פֿאַר זייערע פֿײַנט. 15 אומעטום אַוווּ זיי זײַנען
אַרויסגעגאַנגען, איז די האַנט פֿון גאָט געווען אַקעגן זיי צום בייזן,
אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט, און אַזוי ווי גאָט זיי האָט געשוואָרן; און
זי האָט זייער צוגעדריקט. 16 האָט גאָט אויפֿגעשטעלט שופֿטים, און
זיי געהאָלפֿן פֿון זייערע רויבער. 17 אָבער אויך צו זייערע שופֿטים
האָבן זיי ניט צוגעהערט, וואָרום זיי זײַנען געווען פֿאַרפֿירט נאָך
פֿרעמדע געטער, און האָבן זיך צו זיי געבוקט; זיי האָבן זיך גיך
אָפּגעקערט פֿון דעם וועג וואָס זייערע עלטערן זײַנען געגאַנגען,
צוצוהערן די געבאָט פֿון גאָט; זיי האָבן אַזוי ניט געטאָן. 18 און אַז
גאָט האָט זיי אויפֿגעשטעלט שופֿטים, אַזוי פֿלעגט גאָט זײַן מיט דעם
שופֿט, און פֿלעגט זיי העלפֿן פֿון דער האַנט פֿון זייערע פֿײַנט אַלע
טעג פֿון דעם שופֿט, ווײַל גאָט פֿלעגט חרטה האָבן איבער זייער
געשריי פֿון וועגן זייערע צווינגער און זייערע דריקער. 19 אָבער עס
איז געווען, ווי דער שופֿט איז געשטאָרבן, אַזוי פֿלעגן זיי ווידער
פֿאַרדאָרבן ווערן, נאָך מער פֿון זייערע עלטערן, צו גיין נאָך פֿרעמדע
געטער, זיי צו דינען און זיך צו בוקען צו זיי. זיי האָבן ניט אָפּגעלאָזט
פֿון זייערע מעשׂים און פֿון זייער אײַנגעשפּאַרטן וועג. 20 און דער
צאָרן פֿון גאָט האָט געגרימט אויף ישׂראל, און ער האָט געזאָגט:
ווײַל דאָס דאָזיקע פֿאָלק האָט איבערגעטרעטן מײַן בונד וואָס איך

האָב באַפֿוילן זייערע עלטערן, און זיי האָבן ניט צוגעהערט צו מײַן
קָול, 21 װעל איך אויך ניט מער פֿאַרטרײַבן פֿון פֿאַר זיי קיינעם פֿון
די פֿעלקער װאָס יהושע האָט איבערגעלאָזט, װען ער איז
געשטאָרבן. 22 כּדי צו פּרוּװן מיט זיי ישׂראל, אויב זיי װעלן היטן די
װעגן פֿון גאָט צו גיין אין זיי, אַזוי װי זייערע עלטערן האָבן געהיט,
אָדער ניט. 23 און גאָט האָט געלאָזט די דאָזיקע פֿעלקער, זיי ניט צו
פֿאַרטרײַבן אויף גיך; און ער האָט זיי ניט געגעבן אין דער האַנט פֿון
יהושוען.

# ג

1 און דאָס זײַנען די פֿעלקער װאָס גאָט האָט געלאָזט, כּדי צו
פּרוּװן מיט זיי ישׂראל, די אַלע װאָס האָבן ניט געװוּסט פֿון אַלע
מלחמות פֿון כּנַען; 2 בלויז כּדי די דורות פֿון די קינדער פֿון ישׂראל
זאָלן װיסן, זיי צו לערנען מלחמה–די װאָס האָבן נאָך פֿריער דערפֿון
ניט געװוּסט; 3 די פֿינף פֿירשטן פֿון די פּלִשתּים, און דער גאַנצער
כּנַעני, און דער צידוֹני, און דער חִוי, דער באַװוינער פֿון באַרג לבָנון,
פֿון באַרג בַעַל-חרמון ביז מע קומט קיין חֲמת. 4 און זיי זײַנען
געבליבן כּדי צו פּרוּװן מיט זיי ישׂראל, צו װיסן אויב זיי װעלן צוהערן
די געבאָט פֿון גאָט װאָס ער האָט געבאָטן זייערע עלטערן דורך
משהן. 5 און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען געזעסן צװישן דעם כּנַעני,
דעם חִתּי, און דעם אֱמורי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוי, און דעם
יבוּסי. 6 און זיי האָבן זיך גענומען זייערע טעכטער פֿאַר װײַבער, און
זייערע טעכטער האָבן זיי געגעבן צו די זין פֿון יענע, און זיי האָבן
געדינט זייערע געטער.

7 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געטאָן װאָס איז שלעכט אין די
אויגן פֿון גאָט, און זיי האָבן פֿאַרגעסן אָן יהוה זייער גאָט, און האָבן
געדינט די בַעַל-געטער און די אֲשֵרות. 8 און דער צאָרן פֿון גאָט האָט
געגרימט אויף ישׂראל, און ער האָט זיי איבערגעענטפֿערט אין דער
האַנט פֿון כּושן-רִשעָתַים דעם מלך פֿון אֲרַם-נהרַים, און די קינדער
פֿון ישׂראל האָבן געדינט כּושן-רִשעָתַימען אַכט יאָר. 9 האָבן די
קינדער פֿון ישׂראל געשריען צו גאָט, און גאָט האָט אויפֿגעשטעלט
די קינדער פֿון ישׂראל אַ העלפֿער װאָס האָט זיי געהאָלפֿן, עָתניאל
דעם זון פֿון קנַזן, כָּלבֿס ייִנגערן ברודער. 10 און דער גײַסט פֿון גאָט
איז געװען אויף אים, און ער האָט געמשפּט ישׂראל; און ער איז

אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה, און גאָט האָט געגעבן אין זײַן האַנט
כּושן-רִשעתַים דעם מלך פֿון אַרם, און זײַן האַנט איז געווען שטאַרק
אויף כּושן-רִשעתַימען. 11 און דאָס לאַנד איז געווען רויִק פֿערציק
יאָר. און עָתניאל דער זון פֿון קנַזן איז געשטאָרבן. 12 און די קינדער
פֿון ישׂראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון
גאָט, און גאָט האָט געשטאַרקט עגלון, דעם מלך פֿון מואָבֿ איבער
ישׂראל, ווײַל זיי האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט.
13 און ער האָט אײַנגעזאַמלט צו זיך די קינדער פֿון עמון און עמלק,
און איז געגאַנגען און האָט געשלאָגן ישׂראל; און זיי האָבן
אײַנגענומען די שטאָט פֿון טייטלביימער. 14 און די קינדער פֿון
ישׂראל האָבן געדינט עגלון דעם מלך פֿון מואָבֿ אַכצן יאָר. 15 האָבן
די קינדער פֿון ישׂראל געשריען צו גאָט, און גאָט האָט זיי
אויפֿגעשטעלט אַ העלפֿער אהוד דעם זון פֿון גֵראן, אַ בנימינער, אַ
מאַן אַ געלינקטן. און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געשיקט דורך זײַן
האַנט אַ מתּנה צו עגלון דעם מלך פֿון מואָבֿ. 16 האָט אהוד זיך
געמאַכט אַ שווערד וואָס האָט געהאַט צוויי שאַרפֿן, אַן איל די לענג;
און ער האָט זי אָנגעגורט אונטער זײַנע קליידער אויף זײַן רעכטן
דיך. 17 און ער האָט גענענט די מתּנה צו עגלון דעם מלך פֿון מואָבֿ–
און עגלון איז געווען זייער אַ פֿעטער מענטש. 18 און עס איז געווען,
ווי ער האָט געענדיקט גענענען די מתּנה, אַזוי האָט ער אַרויסבאַגלייט
די מענטשן וואָס האָבן געטראָגן די מתּנה. 19 און ער אַליין האָט זיך
אומגעקערט פֿון די שטיינהאַקערײַען וואָס לעבן גִלגל, און האָט
געזאָגט: אַ פֿאַרבאָרגענע זאַך האָב איך צו דיר, מלך. האָט ער
געזאָגט: זאָל זײַן שטיל! און אַלע וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום אים,
זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון אים. 20 און אהוד איז צוגעקומען צו אים
ווי ער זיצט אַליין אין דער קילער אויבערשטוב וואָס בײַ אים, און
אהוד האָט געזאָגט: אַ וואָרט פֿון גאָט האָב איך צו דיר. איז ער
אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן שטול. 21 און אהוד האָט אויסגעשטרעקט
זײַן לינקע האַנט, און האָט גענומען זײַן שווערד פֿון זײַן רעכטער דיך,
און האָט זי אַרײַנגעשטאָכן אין זײַן בויך. 22 און אויך דער שטיל איז
אַרײַן נאָכן קלינג; און דאָס פֿעטס האָט אײַנגעשלאָסן דעם קלינג,
וואָרום ער האָט די שווערד ניט אַרויסגעצויגן פֿון זײַן בויך; און זי
איז אַרויס פֿון הינטערלייב. 23 און אהוד איז אַרויסגעגאַנגען אין
פֿירהויז, און האָט צוגעמאַכט די טירן פֿון דער אויבערשטוב הינטער
זיך, און צוגעשלאָסן. 24 און ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַזוי זײַנען
אָנגעקומען זײַנע קנעכט, און האָבן דערזען, ערשט די טירן פֿון דער

אויבערשטוב זײַנען פֿאַרשלאָסן, און זיי האָבן געזאָגט: מסתּמא איז
ער אויף זײַן באַדערפֿעניש אין דער קילקאַמער. 25 אָבער אַז זיי
האָבן זיך צו שאַנד געוואַרט, ערשט ער עפֿענט ניט די טירן פֿון דער
אויבערשטוב, האָבן זיי גענומען דעם שליסל, און האָבן געעפֿנט;
ערשט זייער האַר ליגט טויט אויף דער ערד. 26 און אהוד איז
אַנטרונען געוואָרן בעת זיי האָבן געזאַמט, און ער איז אַריבער די
שטיינהאַקערײַען, און איז אַנטרונען קיין שׂעירה. 27 און עס איז
געווען, ווי ער איז אָנגעקומען, אַזוי האָט ער געבלאָזן אין שופֿר אין
דעם געבערג פֿון אפֿרים, און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן
אַראָפּגענידערט מיט אים פֿון דעם געבערג, און ער זיי פֿאַרויס. 28
און ער האָט צו זיי געזאָגט: יאָגט נאָך הינטער מיר, וואָרום גאָט
האָט געגעבן אײַערע פֿײַנט, מואָבֿ, אין אײַערע האַנט. און זיי האָבן
אַראָפּגענידערט נאָך אים, און האָבן פֿאַרכאַפּט די איבערפֿאָרן פֿון
ירדן פֿאַר מואָבֿ, און קיינעם ניט געלאָזט אַריבערגיין. 29 און זיי
האָבן געשלאָגן פֿון מואָבֿ אין יענער צײַט אַרום צען טויזנט מאַן, ווּ
נאָר אַ לײַביקער, און ווּ נאָר אַ העלדישער מאַן; און קיינער איז ניט
אַנטרונען געוואָרן. 30 און מואָבֿ איז געוואָרן אונטערטעניק אין
יענעם טאָג אונטער דער האַנט פֿון ישׂראל; און דאָס לאַנד איז
געווען רויִק אַכציק יאָר.

31 און נאָך אים איז געווען שמגר דער זון פֿון ענָתן, וואָס האָט
געשלאָגן פֿון די פּלשתּים זעקס הונדערט מאַן מיט אַן אָקסנשטעקן.
און ער אויך האָט געהאָלפֿן ישׂראל.

ד 1 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז
שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט, ווען אהוד איז געשטאָרבן. 2 און
גאָט האָט זיי איבערגעענטפֿערט אין דער האַנט פֿון יבֿין דעם מלך
פֿון כּנַען, וואָס האָט געקיניגט אין חָצור; און דער פֿירער פֿון זײַן חיל
איז געווען סיסרא, וואָס איז געזעסן אין חרושת־גוים. 3 און די
קינדער פֿון ישׂראל האָבן געשריען צו גאָט; וואָרום נײַן הונדערט
אײַזערנע רײַטוועגן האָט ער געהאַט, און ער האָט שטאַרק געדריקט
די קינדער פֿון ישׂראל צוואַנציק יאָר.

4 און דבֿורה אַ פֿרוי אַ נבֿיאה, די ווײַב פֿון לפּידותן, זי האָט געמשפּט
ישׂראל אין יענער צײַט. 5 און זי איז געזעסן אונטער דבֿורהס
טייטלבוים צווישן רָמה און צווישן בֵית-אֵל אין דעם געבערג פֿון
אפֿרים, און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען צו איר צו
משפּט. 6 האָט זי געשיקט און האָט גערופֿן ברק דעם זון פֿון
אבֿינועם פֿון קֶדש-נפֿתּלי, און האָט צו אים געזאָגט: פֿאַר וואָר, יהוה
דער גאָט פֿון ישׂראל האָט באַפֿוילן: גיי און זאָלסט ציען צום באַרג
תָּבֿור, און נעמען מיט דיר צען טויזנט מאַן פֿון די קינדער פֿון נפֿתּלי
און פֿון די קינדער פֿון זבֿולון. 7 און איך וועל אַריבערציען צו דיר,
צום טײַך קישון, סיסרא דעם פֿירער פֿון יָבֿינס חיל, מיט זײַנע
רײַטוועגן און זײַן מחנה, און איך וועל אים געבן אין דײַן האַנט. 8
האָט ברק צו איר געזאָגט: אויב דו וועסט גיין מיט מיר, וועל איך
גיין, אויב אָבער דו וועסט ניט גיין מיט מיר, וועל איך ניט גיין. 9
האָט זי געזאָגט: גיין וועל איך גיין מיט דיר, אָבער ניט דײַנער וועט
זײַן דער כּבֿוד אויף דעם וועג וואָס דו גייסט, וואָרום אין דער האַנט
פֿון אַ פֿרוי וועט גאָט איבערענטפֿערן סיסראַן.

און דבֿורה איז אויפֿגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיט ברקן קיין
קדש. 10 און ברק האָט צונויפֿגערופֿן זבֿולון און נפֿתּלי קיין קֶדש, און
צען טויזנט מאַן זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען הינטער אים, און דבֿורה איז
אַרויפֿגעגאַנגען מיט אים.

11 און חֶבֿר דער קֵיני האָט זיך געהאַט אָפּגעשיידט פֿון קַין, פֿון די
קינדער פֿון חובֿבֿ, משהס שווער, און האָט אויפֿגעשטעלט זײַן
געצעלט ביז אֵלון-בצענַנים וואָס לעבן קֶדש.

12 האָט מען אָנגעזאָגט סיסראַן אַז ברק דער זון פֿון אבֿינועמען איז
אַרויפֿגעגאַנגען צום באַרג תּבֿור, 13 און סיסרא האָט אײַנגעזאַמלט
אַלע זײַנע רײַטוועגן – נײַן הונדערט אײַזערנע רײַטוועגן, און דאָס
גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט אים, פֿון חרושת-גוים צום טײַך קישון.

14 און דבֿורה האָט געזאָגט צו ברקן: שטיי אויף! וואָרום דאָס איז
דער טאָג וואָס גאָט האָט געגעבן סיסראַן אין דײַן האַנט; פֿאַר וואָר,
גאָט איז אַרויסגעגאַנגען דיר פֿאַרויס.

האָט ברק אַראָפּגענידערט פֿון באַרג תּבֿור, און צען טויזנט מאַן נאָך
אים. 15 און גאָט האָט פֿאַרטומלט סיסראַן און אַלע רײַטוועגן און

דעם גאַנצן חיל מיטן שאַרף פֿון שווערד פֿאַר ברקן; און סיסרא האָט
אַראָפּגענידערט פֿון זײַן רײַטוואָגן, און איז אַנטלאָפֿן צו פֿוס. 16 און
ברק האָט נאָכגעיאָגט די רײַטוועגן און דעם חיל ביז  חרושת-גוים,
און דער גאַנצער חיל פֿון סיסראן איז געפֿאַלן דורכן שאַרף פֿון
שווערד; ניט געבליבן צו מאָל אײנער.

17 און סיסרא איז געלאָפֿן צו פֿוס צום געצעלט פֿון יעל דער ווײַב
פֿון חֶבֿר דעם קֵיני; וואָרום שלום איז געווען צווישן יָבִֿין דעם מלך
פֿון חצור און צווישן דעם הויז פֿון חֶבֿר דעם קֵיני. 18 און יעל איז
אַרויסגעקומען סיסראן אַנטקעגן, און האָט צו אים געזאָגט: קער
אײַן, מײַן האַר, קער אײַן צו מיר; זאָלסט ניט מורא האָבן. האָט ער
אײַנגעקערט צו איר אין געצעלט, און זי האָט אים צוגעדעקט מיט אַ
דעקע. 19 האָט ער צו איר געזאָגט: גיב מיר, איך בעט דיך, טרינקען
אַ ביסל וואַסער, וואָרום איך בין דאָרשטיק. האָט זי געעפֿנט דעם
לאָגל מילך, און האָט אים געגעבן טרינקען, און האָט אים
צוגעדעקט. 20 האָט ער געזאָגט: שטעל זיך אין אײַנגאַנג פֿון
געצעלט, און עס וועט זײַן, אַז עמיצער וועט קומען, און וועט דיך
פֿרעגן און זאָגן: איז דאָ פֿאַראַן אַ מאַן? זאָלסטו זאָגן: נײן.

21 האָט יעל די ווײַב פֿון חֶבֿרן גענומען אַ געצעלטפֿלעקל, און
אַרײַנגעטאָן דעם האַמער אין איר האַנט, און זי איז שטילערהייט
צוגעגאַנגען צו אים, און האָט אַרײַנגעהאַקט דאָס פֿלעקל אין זײַן
שלייף, ביז עס איז אַרײַן אין דער ערד, און ווי ער איז געשלאָפֿן, אַזוי
האָט ער געחלשט און איז געשטאָרבן.

22 ערשט ברק יאָגט נאָך סיסראן; איז אים יעל אַרויסגעגאַנגען
אַנטקעגן, און האָט צו אים געזאָגט: קום און איך וועל דיר ווײַזן
דעם מאַן וואָס דו זוכסט. איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו איר, ערשט
סיסרא ליגט טויט מיטן פֿלעקל אין זײַן שלייף.

23 און גאָט האָט געמאַכט אונטערטעניק אין יענעם טאָג יָבִֿין דעם
מלך פֿון כּנַען פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל. 24 און די האַנט פֿון די
קינדער פֿון ישׂראל איז געוואָרן אַלץ שווערער אויף יָבִֿין דעם מלך
פֿון כּנַען, ביז וואַנען זיי האָבן פֿאַרשניטן יָבִֿין דעם מלך פֿון כּנַען.

ה 1 האָט געזונגען דבֿורה און ברק דער זון פֿון אבֿינועמען אין
יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן:

2 אַז מע לאָזט די האָר ווילד אין ישׂראל,
אַז דאָס פֿאָלק באַט פֿרײַוויליק אָן,
טוט לויבען גאָט!
3 הערט איר מלָכים, פֿאַרנעמט איר פֿירשטן,
איך, צו יהוה וועל איך זינגען,
איך וועל שפּילן צו יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל.

4 גאָט, אַז דו ביסט פֿון שֵׂעיר אַרויס,
אַז דו האָסט פֿון אֱדומס פֿעלד געשפּרײַזט,
האָט די ערד געציטערט,
אויך די הימלען האָבן געטריפֿט,
יאָ, וואָלקנס האָבן וואַסער געטריפֿט.
5 בערג זײַנען צערונען פֿאַר יהוה,
דער דאָזיקער סיני –
פֿאַר יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל.

6 אין די טעג פֿון שמגר דעם זון פֿון עֲנת,
אין די טעג פֿון יעל, האָבן שליאַכן אויפֿגעהערט,
און וועגגייער פֿלעגן אויף קרומע שטעגן גיין.
7 אויפֿגעהערט האָבן פֿירער אין ישׂראל, אויפֿגעהערט,
ביז דו, דבֿורה, ביסט אויפֿגעשטאַנען,
אויפֿגעשטאַנען אַ מוטער אין ישׂראל.

8 נײַע געטער האָט מען אויסדערווײלט,
דרום איז מלחמה געווען אין די טויערן;
אויב אַ שילד און אַ שפּיז איז אָנצוזען געווען
אין פֿערציק טויזנט אין ישׂראל!

9 מײַן האַרץ צו די הערשער פֿון ישׂראל,
די פֿרײַוויליקע צווישן דעם פֿאָלק;
טוט לויבן גאָט!

10 איר וואָס רײַט אויף אייזעלינס ווײַסע,
איר וואָס זיצט אויף דעקעס,

און איר וואָס גייט אויפֿן וועג,
רעדט דערפֿון!
11 מער ווי ליאַרעם פֿון פֿײַלשיסערס
איז צווישן די שעפּקאָריטעס;
דאָרטן דערציילט מען די גערעכטיקייט פֿון גאָט,
די גערעכטיקייט פֿון זײַן פֿירערשאַפֿט אין ישׂראל.
דענצמאָל האָט גענידערט
גאָטס פֿאָלק צו די טויערן.

12 דערוועק דיך, דערוועק דיך, דבֿורה,
דערוועק דיך, דערוועק דיך, רעד געזאַנג!
שטיי אויף, ברק,
און פֿאַנג דײַן געפֿאַנג, זון פֿון אבֿינועם!
13 דענצמאָל האָט ער אַן איבערבלײַב געמאַכט געוועלטיקן
איבער אַ מאַכטיקן פֿאָלק;
גאָט האָט מיך געמאַכט געוועלטיקן
איבער די גבורים.

14 פֿון אפֿרים זײַנען געקומען די וואָס וואָרצלען אין עמָלק,
נאָך דיר, בנימין, מיט דײַנע מחנות;
פֿון מָכיר האָבן הערשער גענידערט,
און פֿון זבֿולון די וואָס טראָגן אַ שרײַבערשטאָק.
15 און די האַרן אין יששׂכר מיט דבֿורהן;
און יששׂכר ווי ברק
האָט געלאָזט זיך אין טאָל, הינטער אים.
בײַ די טײלן פֿון ראובֿן
איז דער איבערלייג געווען גרויס.

16 וואָס ביסטו געזעסן צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן,
צו הערן דאָס מעקן פֿון סטאַדעס?
בײַ די טײלן פֿון ראובֿן
איז דער איבערקלער געווען גרויס.

17 גלעד האָט אויף יענער זײַט ירדן גערוט;
און דן פֿאַר וואָס ווײַלט בײַ די שיפֿן?

אָשר איז געזעסן בײַם באָרטן פֿון ים,
און בײַ זײַנע אויסגוסן געטאָן רוען.

18 זבֿולון איז אַ פֿאָלק
וואָס האָט אײַנגעשטעלט זײַן זעל צום טויט,
און נפֿתּלי –
אויף די הייכן פֿון פֿעלד.
19 מלָכים זײַנען געקומען, מלחמה געהאַלטן,
דענצמאָל האָבן מלחמה געהאַלטן די מלָכים פֿון כּנַען
אין תּענך בײַ די וואַסערן פֿון מגִדו;
קיין רויב פֿון זילבער האָבן זיי ניט געקריגן.
20 פֿון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן,
די שטערן פֿון זייערע שטעגן
האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסראן.
21 טײַך קישון האָט זיי אַוועקגעפֿלייצט,
טײַך אַלטער, טײַך קישון.
טרעט אויף מיט מאַכט, מײַן זעל!
22 דענצמאָל האָבן געקלאַפּט די טריט פֿון פֿערד,
פֿון די שפּרונגען,
די שפּרונגען פֿון זײַנע אָגערס.

23 שילט מרוז, האָט געזאָגט דער מלאך פֿון גאָט,
שילטן שילט אירע באַוווינער,
ווײַל זיי זײַנען ניט געקומען צו דער הילף פֿון גאָט,
צו דער הילף פֿון גאָט, צווישן די גבורים.

24 געבענטשטער פֿון אַלע ווײַבער זאָל זײַן יעל,
די ווײַב פֿון חֶבֿר דעם קֵיני
פֿון אַלע ווײַבער אין געצעלט זײַן געבענטשטער.

25 וואַסער האָט ער געבעטן, מילך האָט זי געגעבן,
אין אַ קרוג פֿון פֿירשטן, האָט זי שמאַנט דערלאַנגט.
26 איר האַנט האָט זי אויסגעשטרעקט צום פּלעקל,
און איר רעכטע צום אַרבעטערהאַמער,
און געהאַמערט סיסראן, צעקלאַפּט זײַן קאָפּ,
און געלעכערט און דורכגעהאַקט זײַן שלייף.

27 צו אירע פֿיס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט,
געפֿאַלן, געלעגן;
צו אירע פֿיס זיך אַראָפּגעלאָזט, געפֿאַלן;
ווּ זיך אַראָפּגעלאָזט, דאָרט דערהרגעט געפֿאַלן.

28 דורכן פֿענצטער האָט געקוקט און געיאָמערט,
דורך דער פֿאָרטקע, די מוטער פֿון סיסראָן:
וואָס זאַמט זיך זײַן רײַטוואָגן צו קומען?
וואָס שפּעטיקן זיך די טריט פֿון זײַנע געשפּאַנען?
29 די קלוגע פֿון אירע שׂררותטעס ענטפֿערן,
יאָ, זי אַליין גיט אַן ענטפֿער צו זיך:
30 פֿאַר וואָר, זיי געפֿינען, זיי טיילן דעם רויב,
אַ מיידל, צוויי מיידלעך פֿאַר איטלעכן מאַן;
רויב פֿון פֿאַרבן פֿאַר סיסראָן,
רויב פֿון פֿאַרבן געשטיקטע,
פֿאַרבשטיקערײַען פֿאַרן רויבנעמערס האַלדז.

31 אַזוי זאָלן אונטערגיין אַלע פֿײַנט דײַנע, גאָט!
און זײַנע ליבהאָבער זאָלן זײַן
ווי דער אויפֿגאַנג פֿון דער זון אין איר שטאַרקייט.

און דאָס לאַנד איז געווען רויִק פֿערציק יאָר.

# ו

1 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין
די אויגן פֿון גאָט, און גאָט האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פֿון
מִדיָן זיבן יאָר. 2 און די האַנט פֿון מִדיָן איז געווען שטאַרק אויף
ישׂראל. פֿון וועגן מִדיָן האָבן די קינדער פֿון ישׂראל זיך געמאַכט די
גריבער וואָס אין די בערג, און די היילן, און די פֿעסטונגען. 3 און עס
איז געווען, אַז ישׂראל האָט געזייט, אַזוי פֿלעגט אַרויפֿגיין מִדיָן, און
עמלק, און די קינדער פֿון מזרח; און זיי פֿלעגן אַרויפֿקומען אויף זיי,
4 און האָבן געלעגערט אויף זיי, און פֿאַרוויסט די תּבֿואה פֿון לאַנד
ביז דוּ קומסט קיין עַזה, און זיי פֿלעגן ניט איבערלאָזן קיין
דערנערונג אין ישׂראל, צו מאָל אַ שעפּס, אָדער אַן אָקס, אָדער אַן
אייזל. 5 וואָרום זיי און זייערע פֿי פֿלעגן אַרויפֿגיין, מיט זייערע
געצעלטן, און פֿלעגן קומען אַזוי ווי דער היישעריק אין פֿילקייט, און

צו זײ און צו זײערע קעמלען איז ניט געווען קײן צאָל, און זײ זײַנען
געקומען אין לאַנד כּדי עס צו פֿאַרוויסטן. 6 און ישׂראל איז זײער
פֿאַראָרימט געוואָרן פֿון װעגן מדין; און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן
געשריען צו גאָט.

7 און עס איז געווען, אַז די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געשריען צו
גאָט פֿון װעגן מדין, 8 האָט גאָט געשיקט אַ מאַן אַ נבֿיא צו די
קינדער פֿון ישׂראל, און ער האָט זײ געזאָגט: אַזױ האָט געזאָגט יהוה
דער גאָט פֿון ישׂראל: איך האָב אײַך אױפֿגעבראַכט פֿון מצרים, און
האָב אײַך אַרױסגעצױגן פֿון דעם הױז פֿון קנעכטשאַפֿט; 9 און איך
האָב אײַך מציל געווען פֿון דער האַנט פֿון מצרים, און פֿון דער האַנט
פֿון אַלע אײַערע דריקער, און איך האָב זײ פֿאַרטריבן פֿון פֿאַר אײַך,
און האָב אײַך געגעבן זײער לאַנד. 10 און איך האָב צו אײַך געזאָגט:
איך בין יהוה אײַער גאָט; איר זאָלט ניט פֿאָרכטן די געטער פֿון די
אמורים װאָס איר זיצט אין זײער לאַנד; אָבער איר האָט ניט
צוגעהערט צו מײַן קול.

11 און אַ מלאך פֿון גאָט איז געקומען, און האָט זיך געזעצט אונטער
דעם אײַכנבױם װאָס אין עפֿרה, װאָס האָט געהערט צו יואש דעם
אבֿיעזרער; און זײַן זון גדעון האָט געקלאַפּט װײץ אין קעלטער, כּדי
אױסצובאַהאַלטן פֿון מדין. 12 האָט דער מלאך פֿון גאָט זיך באַװיזן
צו אים, און האָט צו אים געזאָגט: גאָט מיט דיר, העלדישער גיבור!
13 האָט גדעון צו אים געזאָגט: איך בעט דיך, מײַן האַר, אױב גאָט
איז מיט אונדז, טאָ פֿאַר װאָס האָט דאָס אַלץ אונדז געטראָפֿן? און
װוּ זײַנען אַלע זײַנע װוּנדער, װאָס אונדזערע עלטערן האָבן אונדז
דערצײלט, אַזױ צו זאָגן: פֿאַר װאָר, גאָט האָט אונדז אױפֿגעבראַכט
פֿון מצרים? און אַצונד האָט אונדז גאָט פֿאַרלאָזן, און האָט אונדז
געגעבן אין דער האַנט פֿון מדין.

14 האָט גאָט זיך געקערט צו אים, און האָט געזאָגט: גײ מיט דײַן
דאָזיקן כּוח, און זאָלסט העלפֿן ישׂראל פֿון דער האַנט פֿון מדין; פֿאַר
װאָר, איך האָב דיך געשיקט.

15 האָט ער צו אים געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט! מיט װאָס זאָל איך
העלפֿן ישׂראל? זע, מײַן משפּחה איז די אָרימסטע אין מנשה, און
איך בין דער מינדסטער אין מײַן פֿאָטערס הױז.

16 האָט גאָט צו אים געזאָגט: אָבער איך וועל זײַן מיט דיר, און
וועסט שלאָגן מדין אַזוי ווי איין מאַן.

17 האָט ער צו אים געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפֿונען
לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, זאָלסטו מיר מאַכן אַ צייכן אַז דו
רעדסט דאָס מיט מיר. 18 זאָלסט זיך ניט אָפּטאָן פֿון דאַנען, איך
בעט דיך, ביז איך קום צוריק צו דיר, און וועל אַרויסטראָגן מײַן
געשאַנק, און אַוועקלייגן פֿאַר דיר. האָט ער געזאָגט: איך וועל בלײַבן
ביז דו קערסט זיך אום.

19 איז גדעון אַרײַנגעגאַנגען, און האָט געמאַכט אַ ציגנבעקל, און
אומגעזײַערטע קוכנס פֿון אַן אֵיפָה מעל; דאָס פֿלייש האָט ער
אַרײַנגעטאָן אין אַ קאָרב, און די זופּ האָט ער אַרײַנגעטאָן אין אַ
טאָפּ, און אַרויסגעבראַכט צו אים אונטער דעם אײַכנבוים, און
דערלאַנגט.

20 האָט דער מלאך פֿון גאָט צו אים געזאָגט: נעם דאָס פֿלייש און די
אומגעזײַערטע קוכנס, און לייג אַוועק אויף יענעם פֿעלז, און די זופּ
גיס אויס.

האָט ער אַזוי געטאָן. 21 און דער מלאך פֿון גאָט האָט
אויסגעשטרעקט דעם שפּיץ פֿון דעם שטעקן וואָס אין זײַן האַנט,
און האָט אָנגערירט דאָס פֿלייש און די אומגעזײַערטע קוכענס; און
אַ פֿײַער איז אויפֿגעגאַנגען פֿון דעם פֿעלז, און האָט פֿאַרצערט דאָס
פֿלייש און די אומגעזײַערטע קוכנס; און דער מלאך פֿון גאָט איז
אַוועק פֿון זײַנע אויגן. 22 האָט גדעון געזען אַז דאָס איז געווען אַ
מלאך פֿון גאָט, און גדעון האָט געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר! וואָרום
איך האָב געזען אַ מלאך פֿון גאָט פּנים אל פּנים.

23 האָט גאָט צו אים געזאָגט: פֿריד צו דיר; זאָלסט ניט מורא האָבן,
וועסט ניט שטאַרבן.

24 און גדעון האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו גאָט, און האָט אים
גערופֿן יהוה-שלום; ביז אויף הײַנטיקן טאָג איז ער נאָך אין עפֿרה פֿון
די אבֿיעזרער.

25 און עס איז געווען אין יענער נאַכט, האָט גאָט צו אים געזאָגט:
נעם דײַן פֿאָטערס יונגן אָקס, און דעם צווייטן אָקס פֿון זיבן יאָר,
און זאָלסט צעשטערן דײַן פֿאָטערס מזבח פֿון בעַל, און דעם
געצנבוים וואָס לעבן אים זאָלסטו אָפּהאַקן. 26 און זאָלסט בויען אַ
מזבח צו יהוה דײַן גאָט אויפֿן שפּיץ פֿון דער דאָזיקער באַרגפֿעסטונג,
אויף דעם צוגעריכטן אָרט, און זאָלסט נעמען דעם צווייטן אָקס, און
אויפֿברענגען פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער מיטן האָלץ פֿון דעם געצנבוים
וואָס דו וועסט אָפּהאַקן.

27 האָט גדעון גענומען צען מאַן פֿון זײַנע קנעכט, און האָט געטאָן
אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט; און עס איז געווען, אַזוי ווי ער
האָט מורא געהאַט פֿאַר זײַן פֿאָטערס הויזגעזינט און פֿאַר די
מענטשן פֿון שטאָט, דאָס צו טאָן בײַ טאָג, האָט ער דאָס געטאָן בײַ
נאַכט.

28 און די מענטשן פֿון שטאָט האָבן זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי,
ערשט דער מזבח פֿון בעַל איז צעבראָכן, און דער געצנבוים וואָס
לעבן אים איז אָפּגעהאַקט, און דער צווייטער אָקס איז
אויפֿגעבראַכט געוואָרן אויף דעם אויפֿגעבויטן מזבח. 29 האָבן זיי
געזאָגט איינער צום אַנדערן: ווער האָט געטאָן די דאָזיקע זאַך? און
אַז זיי האָבן געפֿאָרשט און געזוכט, האָט מען געזאָגט: גדעון דער זון
פֿון יואשן האָט געטאָן די דאָזיקע זאַך. 30 האָבן די מענטשן פֿון
שטאָט געזאָגט צו יואשן: ברענג אַרויס דײַן זון, און ער זאָל
שטאַרבן, ווײַל ער האָט צעבראָכן דעם מזבח פֿון בעַל, און ווײַל ער
האָט אָפּגעהאַקט דעם געצנבוים וואָס לעבן אים.

31 האָט יואש געזאָגט צו אַלע וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום אים:
ווילט איר זיך קריגן פֿאַר בעַל? אָדער ווילט איר אים העלפֿן? ווער
עס וועט זיך קריגן פֿאַר אים, וועט געטייט ווערן ביז אין דער פֿרי.
אויב ער איז אַ גאָט, זאָל ער אַליין זיך קריגן פֿאַר זיך,וואָס מע האָט
צעבראָכן זײַן מזבח. 32 און מע האָט אים גערופֿן אין יענעם טאָג
ירובעל, אַזוי צו זאָגן: זאָל בעַל זיך קריגן מיט אים, וואָס ער האָט
צעבראָכן זײַן מזבח.

33 און גאַנץ מדין און עמלק און די קינדער פֿון מזרח האָבן זיך
אײַנגעזאַמלט אין איינעם, און זײַנען אַריבערגעקומען און האָבן

געלאַגערט אין טאָל יזרעאל. 34 האָט אַ גײַסט פֿון גאָט אָנגעקליידט
גדעונען, און ער האָט געבלאָזן אין שופֿר, און אבֿיעזר האָט זיך
אויפֿגעקליבן הינטער אים. 35 און ער האָט געשיקט שלוחים דורך
גאַנץ מנשה, און ער אויך האָט זיך אויפֿגעקליבן הינטער אים; און ער
האָט געשיקט שלוחים דורך אָשר, און דורך זבֿולון, און דורך נפֿתּלי,
און זיי זײַנען אַרויפֿגעקומען זיי אַנטקעגן.

36 און גדעון האָט געזאָגט צו גאָט: אויב דו ווילסט העלפֿן דורך מײַן
האַנט ישׂראל, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט, 37 אָט לייג איך אַוועק אַן
אָפּשער וואָל אין שײַער; אויב עס וועט זײַן טוי אויפֿן אָפּשער אַליין,
און אויף דער גאַנצער ערד וועט זײַן טרוקן, וועל איך וויסן אַז דו
וועסט העלפֿן ישׂראל דורך מײַן האַנט, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט.

38 איז אַזוי געווען; און ווי ער האָט זיך געפֿעדערט אויף מאָרגן, און
האָט אויסגעדרייט דעם אָפּשער, האָט ער אויסגעקוועטשט טוי פֿון
דעם אָפּשער, אַ פֿולן קרוג וואַסער. 39 האָט גדעון געזאָגט צו גאָט:
זאָל ניט גרימען דײַן צאָרן אויף מיר, און איך וועל רעדן נאָר דאָס
מאָל :לאָמיך, איך בעט דיך, נאָר דאָס מאָל פּרוּוון מיט דעם אָפּשער;
זאָל, איך בעט דיך, זײַן טרוקן אויפֿן אָפּשער אַליין, און אויף דער
גאַנצער ערד זאָל זײַן טוי.

40 האָט גאָט געטאָן אַזוי אין יענער נאַכט; און עס איז געווען טרוקן
אויפֿן אָפּשער אַליין, און אויף דער גאַנצער ערד איז געווען טוי.

ז 1 האָט זיך געפֿעדערט ירובעל –דאָס איז גדעון– ער און דאָס
גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט אים, און זיי האָבן געלאַגערט בײַ עין-
חרוד; און דער לאַגער פֿון מדין איז אים געווען פֿון צפֿון, פֿון גבֿעת-
המורה אין טאָל. 2 האָט גאָט געזאָגט צו גדעונען: דאָס פֿאָלק וואָס
מיט דיר איז צו פֿיל, אַז איך זאָל געבן מדין אין זייער האַנט; ישׂראל
וועט זיך נאָך באַרימען אַקעגן מיר, אַזוי צו זאָגן: מײַן האַנט האָט
מיך געהאָלפֿן. 3 דרום רוף אַקאָרשט אויס אַצונד אין די אויערן פֿון
פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: ווער עס האָט מורא און ציטערט, זאָל זיך
אומקערן און אַוועקגיין אין דער פֿרי פֿון באַרג גלעד.

האָבן זיך אומגעקערט פֿון פֿאָלק צוויי און צוואַנציק טויזנט, און צען
טויזנט זײַנען געבליבן.

4 האָט גאָט געזאָגט צו גדעונען: דאָס פֿאָלק איז נאָך אַלץ צו פֿיל,
מאַך זיי נידערן צום וואַסער, און איך וועל זיי דאָרטן אויסקלײַבן
פֿאַר דיר. און עס וועט זײַן, דער וואָס איך וועל דיר זאָגן: דער
דאָזיקער זאָל גיין מיט דיר, ער זאָל גיין מיט דיר; און איטלעכער
וואָס איך וועל דיר זאָגן: דער דאָזיקער זאָל ניט גיין מיט דיר, ער זאָל
ניט גיין.

5 האָט ער געמאַכט נידערן דאָס פֿאָלק צום וואַסער; און גאָט האָט
געזאָגט צו גדעונען: איטלעכער וואָס וועט לעקן פֿונעם וואַסער מיט
זײַן צונג, אַזוי ווי עס לעקט אַ הונט, אים זאָלסטו שטעלן באַזונדער,
דעסט גלײַכן איטלעכן וואָס וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף זײַנע קני צו
טרינקען.

6 איז געווען די צאָל פֿון די וואָס האָבן געלעקט פֿון זייער האַנט אין
זייער מויל דרײַ הונדערט מאַן, און דאָס גאַנצע איבעריקע פֿאָלק
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע קני צו טרינקען וואַסער. 7 און
גאָט האָט געזאָגט צו גדעונען: מיט די דרײַ הונדערט מאַן וואָס האָבן
געלעקט, וועל איך אײַך העלפֿן, און וועל געבן מדין אין דײַן האַנט;
און דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל גיין איטלעכער אין זײַן היים.

8 האָבן זיי איבערגענומען די צערונג פֿון פֿאָלק אין זייער האַנט, און
זייערע שופֿרות; און אַלע מענער פֿון ישׂראל האָט ער אַוועקגעשיקט
איטלעכן צו זײַנע געצעלטן, נאָר די דרײַ הונדערט מאַן האָט ער
אָנגעהאַלטן. און דער לאַגער פֿון מדין איז געווען אונטער אים אין
טאָל. 9 און עס איז געווען אין יענער נאַכט, האָט גאָט צו אים
געזאָגט: שטיי אויף, נידער אַראָפּ אין לאַגער, וואָרום איך האָב אים
געגעבן אין דײַן האַנט. 10 און אויב דו האָסט מורא אַראָפּצונידערן,
נידער אַראָפּ דו מיט דײַן יונג פּורה צום לאַגער. 11 און וועסט הערן
וואָס זיי רעדן; וועלן דערנאָך שטאַרק ווערן דײַנע הענט, און וועסט
אַראָפּגענידערן אין לאַגער.

האָט ער אַראָפּגענידערט, ער און זײַן יונג פּורה, צום עק פֿון די
באַוואָפֿנטע וואָס אין לאַגער. 12 און מדין און עמלק און אַלע
קינדער פֿון מזרח זײַנען געלעגן אין טאָל, אַזוי ווי דער הײשעריק אין

פֿילקייט, און צו זייערע קעמלען איז ניט געווען קיין צאָל, אַזוי ווי
דער זאַמד וואָס אויפֿן ברעג פֿון ים אין פֿילקייט. 13 און ווי גדעון איז
אָנגעקומען, ערשט אַ מאַן דערציילט זײַן חבֿר אַ חלום, און זאָגט: זע,
מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום: ערשט אַ קוכן פֿון גערשטענעם
ברויט קײַקלט זיך אין לאַגער פֿון מדין, און ער איז געקומען ביזן
געצעלט, און האָט עס אַ קלאַפּ געטאָן, און עס איז אומגעפֿאַלן, און
ער האָט עס אומגעקערט קאַפּויר, ביז דאָס געצעלט איז געבליבן
ליגן. 14 האָט זיך אָפּגערופֿן זײַן חבֿר און האָט געזאָגט: דאָס איז ניט
אַנדערש ווי די שווערד פֿון גדעון דעם זון פֿון יואשן, אַ מאַן פֿון
ישׂראל. גאָט האָט געגעבן אין זײַן האַנט מדין מיטן גאַנצן חיל.

15 און עס איז געווען, ווי גדעון האָט געהערט די דערציילונג פֿון
דעם חלום און זײַן באַשייד, אַזוי האָט ער זיך געבוקט; און ער האָט
זיך אומגעקערט אין לאַגער פֿון ישׂראל און האָט געזאָגט: שטייט
אויף, וואָרום גאָט האָט געגעבן אין אײַער האַנט דעם חיל פֿון מדין.
16 און ער האָט צעטיילט די דרײַ הונדערט מאַן אין דרײַ מחנות, און
האָט זיי אַלעמען געגעבן שופֿרות אין דער האַנט, און ליידיקע קריג,
און בראַנדהעלצער אין די קריג. 17 און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר
זאָלט קוקן אויף מיר, און טאָן דעסט גלײַכן; און אָט קוק איך אין עק
לאַגער, איז, ווי איך וועל טאָן, אַזוי זאָלט איר טאָן. 18 און אַז איך
וועל בלאָזן אין שופֿר, איך און אַלע וואָס מיט מיר, זאָלט איר אויך
בלאָזן אין די שופֿרות רונד אַרום דעם גאַנצן לאַגער, און איר זאָלט
זאָגן: פֿאַר גאָט און פֿאַר גדעונען!

19 און גדעון און די הונדערט מאַן וואָס מיט אים זײַנען געקומען אין
עק לאַגער בײַם אָנהייב פֿון דער מיטלסטער נאַכטוואַך; מע האָט נאָר
וואָס געהאַט אויפֿגעשטעלט די וועכטער; און זיי האָבן געבלאָזן אין
די שופֿרות, און האָבן צעהאַקט די קריג וואָס אין זייער האַנט. 20
און די דרײַ מחנות האָבן געבלאָזן אין די שופֿרות, און האָבן
צעבראָכן די קריג; און זיי האָבן געהאַלטן אין זייער לינקער האַנט די
בראַנדהעלצער, און אין זייער רעכטער האַנט די שופֿרות צום בלאָזן;
און זיי האָבן אויסגערופֿן:אַ שווערד פֿאַר גאָט און פֿאַר גדעונען! 21
און זיי זײַנען געשטאַנען איטלעכער אויף זײַן אָרט רונד אַרום
לאַגער; און דער גאַנצער לאַגער האָט גענומען לויפֿן; און זיי האָבן
אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זײַנען אַנטרונען. 22 און זיי האָבן
געבלאָזן די דרײַ הונדערט שופֿרות, און גאָט האָט געמאַכט די

שווערד פֿון אײנעם קעגן אַנדערן, אַזוי אין גאַנצן חיל, און דער חיל
איז אַנטרונען ביז בית־שטה, צו צררה צו, ביז דעם ברעג פֿון אָבֿל־
מחולה בײַ טַבת. 23 און די מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך
אײַנגעזאַמלט פֿון נפֿתּלי, און פֿון אָשר, און פֿון גאַנץ מנשה, און זײ
האָבן נאָכגעיאָגט מדין. 24 און גדעון האָט צעשיקט שלוחים אין
גאַנצן געבערג פֿון אפֿרים, אַזוי צו זאָגן: נידערט אַראָפּ אַקעגן מדין,
און פֿאַרכאַפּט זײ דאָס וואַסער ביז בית־ברה, און דעם ירדן. האָבן
זיך אײַנגעזאַמלט אַלע מענער פֿון אפֿרים, און זײ האָבן באַצוווּנגען
דאָס וואַסער ביז בית־ברה, און דעם ירדן. 25 און זײ האָבן געכאַפּט
די צוויי האַרן פֿון מדין, עורבֿן און זאבֿן, און האָבן געהרגעט עורבֿן
בײַ צור־עורבֿ און זאבֿן האָבן זײ געהרגעט אין יקבֿ־זאבֿ; און זײ
האָבן נאָכגעיאָגט מדין; און די קעפּ פֿון עורבֿן און זאבֿן האָבן זײ
געבראַכט צו גדעונען פֿון יענער זײַט ירדן.

# ח

1 האָבן צו אים געזאָגט די מענער פֿון אפֿרים: וואָס פֿאַר אַ זאַך
האָסטו אונדז דאָ געטאָן, אונדז ניט צו רופֿן ווען דו ביסט
געגאַנגען מלחמה האַלטן אַקעגן מדין? און זײ האָבן זיך שטאַרק
געקריגט מיט אים. 2 האָט ער צו זײ געזאָגט: וואָס האָב איך אַצונד
אויפֿגעטאָן אין פֿאַרגלײַך מיט אײַך? איז ניט דער נאָכקלײַב פֿון
אפֿרים בעסער ווי די לעז פֿון אבֿיעזר? 3 אין אײַער האַנט האָט גאָט
געגעבן די האַרן פֿון מדין, עורבֿן און זאבֿן, און וואָס האָב איך
געקענט אויפֿטאָן אין פֿאַרגלײַך מיט אײַך? האָט דענצמאָל
אָפּגעלאָזט זײער כּעס פֿון אים, ווען ער האָט גערעדט די דאָזיקע
רייד.

4 און גדעון איז געקומען צום ירדן, און איז אַריבערגעגאַנגען, ער
און די דרײַ הונדערט מאַן וואָס מיט אים, פֿאַרשמאַכטע און
פֿאַריאָגטע. 5 און ער האָט געזאָגט צו די מענטשן פֿון סוכּות: גיט,
איך בעט אײַך, לאַבנס ברויט פֿאַר דעם פֿאָלק וואָס הינטער מיר,
וואָרום זײ זײַנען פֿאַרשמאַכט, און איך יאָג נאָך זבֿח און צלמונע די
מלכים פֿון מדין.

6 האָבן די האַרן פֿון סוכּות געזאָגט: איז די האַנט פֿון זבֿחן און
צלמונען אַצונד אין דײַן פֿויסט, אַז מיר זאָלן געבן דײַן חיל ברויט?

7 האָט גדעון געזאָגט: דערפֿאַר אַז גאָט וועט געבן זבֿחן און צלמונען
אין מײַן האַנט, וועל איך דרעשן אײַער לײַב מיט דערנער פֿון מדבר
און מיט שטעכיקע ריטער.

8 און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון דאָרטן קיין פּנואל, און האָט צו זיי
גערעדט דעסט גלײַכן; האָבן אים די מענטשן פֿון פּנואל געענטפֿערט
אַזוי ווי די מענטשן פֿון סוכּות האָבן געענטפֿערט.

9 האָט ער געזאָגט אויך צו די מענטשן פֿון פּנואל, אַזוי צו זאָגן: אַז
איך וועל זיך אומקערן בשלום, וועל איך צעברעכן דעם דאָזיקן
טורעם.

10 און זבֿח און צלמונע זײַנען געווען אין קרקור, און זייער חיל מיט
זיי, אַרום פֿופֿצן טויזנט, אַלע וואָס זײַנען געבליבן פֿון דעם גאַנצן
חיל פֿון די קינדער פֿון מזרח; און די געפֿאַלענע זײַנען געווען
הונדערט און צוואַנציק טויזנט מאַן וואָס האָבן געצויגן אַ שווערד.
11 און גדעון איז אַרויפֿגעגאַנגען דורך די ווינער אין געצעלטן, אין
מזרח פֿון נובֿח און יגבהה, און האָט געשלאָגן דעם חיל, בעת דער
חיל האָט זיך געשפּירט זיכער. 12 אָבער זבֿח און צלמונע זײַנען
אַנטלאָפֿן, און ער האָט זיי נאָכגעיאָגט; און ער האָט געכאַפּט די צוויי
מלכים פֿון מדין, זבֿחן און צלמונען, און דעם גאַנצן חיל האָט ער
צעשראָקן.

13 און גדעון דער זון פֿון יואשן האָט זיך אומגעקערט פֿון דער
מלחמה, פֿון דעם אַרויפֿגאַנג פֿון חֶרס. 14 און ער האָט אָנגעכאַפּט אַ
יונגן מאַן פֿון די מענטשן פֿון סוכּות, און האָט אים אויסגעפֿרעגט;
און ער האָט אים אויפֿגעשריבן די האַרן פֿון סוכּות, און אירע
עלטסטע, זיבן און זיבעציק מאַן. 15 און ער איז געקומען צו די
מענטשן פֿון סוכּות, און האָט געזאָגט: אָט זײַנען זבֿח און צלמונע,
וואָס איר האָט געשפּעט פֿון מיר, אַזוי צו זאָגן: איז די האַנט פֿון
זבֿחן און צלמונען אַצונד אין דײַן פֿויסט, אַז מיר זאָלן געבן דײַנע
פֿאַרשמאַכטע מענטשן ברויט?

16 און ער האָט גענומען די עלטסטע פֿון שטאָט, און דערנער פֿון
מדבר און שטעכיקע ריטער, און האָט אָנגעלערנט מיט זיי די
מענטשן פֿון סוכּות. 17 און דעם טורעם פֿון פּנואל האָט ער
צעבראָכן, און האָט געהרגעט די מענטשן פֿון שטאָט.

18 און ער האָט געזאָגט צו זבֿחן און צלמונען: ווי אַזוי זײַנען געווען
די מענטשן וואָס איר האָט געהרגעט אין תּבֿור? האָבן זיי געזאָגט:
אַזוי ווי דו, אַזוי זיי; איין [אָנבליק]; אַזוי ווי די געשטאַלט פֿון בני־
מלכים. 19 האָט ער געזאָגט: מײַנע ברידער, די זין פֿון מײַן מוטער,
זײַנען דאָס געווען. אַזוי ווי גאָט לעבט, ווען איר וואָלט זיי געלאָזט
לעבן, וואָלט איך אײַך ניט געהרגעט! 20 און ער האָט געזאָגט צו יֶתֶר
זײַן בכור: שטיי אויף, הרגע זיי. אָבער דער יונג האָט ניט
אַרויסגעצויגן זײַן שווערד, וואָרום ער האָט מורא געהאַט, ווײַל ער
איז נאָך געווען יונג. 21 האָט געזאָגט זבֿח און צלמונע: שטיי דו אויף
און דערשלאָג אונדז, וואָרום ווי דער מאַן, אַזוי זײַן גבֿורה. איז גדעון
אויפֿגעשטאַנען, און האָט געהרגעט זבֿחן און צלמונען. און ער האָט
אַראָפּגענומען די לבֿנהלעך וואָס אויף די העלדזער פֿון זייערע
קעמלען.

22 און די מענער פֿון ישׂראל האָבן געזאָגט צו גדעונען: געוועלטיק
איבער אונדז, אי דו, אי דײַן זון, אי דײַן זונס זון, וואָרום דו האָסט
אונדז געהאָלפֿן פֿון דער האַנט פֿון מדין. 23 האָט גדעון צו זיי
געזאָגט: ניט איך וועל געוועלטיקן איבער אײַך, און ניט מײַן זון וועט
געוועלטיקן איבער אײַך; גאָט וועט געוועלטיקן איבער אײַך. 24 און
גדעון האָט צו זיי געזאָגט: איך וועל בעטן פֿון אײַך אַ בקשה: גיט מיר
איטלעכער אַ נאָזרינג פֿון זײַן רויב. וואָרום זיי האָבן געהאַט
גילדערנע נאָזרינגען, ווײַל זיי זײַנען געווען ישמעאלים. 25 האָבן זיי
געזאָגט: אוודאי וועלן מיר געבן. און זיי האָבן אויסגעשפּרייט אַ טוך,
און האָבן אַרײַנגעוואָרפֿן אַהין איטלעכער אַ נאָזרינג פֿון זײַן רויב. 26
און די וואָג פֿון די גילדערנע נאָזרינגען וואָס ער האָט געבעטן, איז
געווען טויזנט און זיבן הונדערט [שֶקל] גאָלד, אַחוץ די לבֿנהלעך, און
די אוירינגען, און די פּורפּלקליידער וואָס אויף די מלכים פֿון מדין,
און אַחוץ די קייטלעך וואָס אויף די העלדזער פֿון זייערע קעמלען. 27
און גדעון האָט דערפֿון געמאַכט אַן אפֿוד, און האָט אים
אַוועקגעשטעלט אין זײַן שטאָט, אין עפֿרה. און גאַנץ ישׂראל זײַנען
פֿאַרפֿירט געוואָרן נאָך אים דאָרטן, און ער איז געווען גדעונען און זײַן
הויז פֿאַר אַ שטרויכלונג.

28 און מדין איז אונטערטעניק געוואָרן פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל,
און זיי האָבן מער ניט אויפֿגעהויבן זייער קאָפּ; און דאָס לאַנד איז
געווען רויִק פֿערציק יאָר אין די טעג פֿון גדעונען.

29 און ירובעל דער זון פֿון יואשן איז אַוועקגעגאַנגען; און ער איז
געזעסן אין זײַן הויז. 30 און גדעון האָט געהאַט זיבעציק זין וואָס
זײַנען אַרויס פֿון זײַן דיך, וואָרום ער האָט געהאַט אַ סך ווײַבער. 31
און זײַן קעפּסווײַב וואָס אין שכֶם, זי אויך האָט אים געבאָרן אַ זון,
און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען אבֿימלך. 32 און גדעון דער זון פֿון
יואשן איז געשטאָרבן אין אַ גוטער עלטער, און איז באַגראָבן
געוואָרן אין דעם קבֿר פֿון זײַן פֿאָטער יואשן אין עפֿרה פֿון די
אבֿיעזרער.

33 און עס איז געווען, ווי גדעון איז געשטאָרבן, אַזוי זײַנען די
קינדער פֿון ישׂראל ווידער פֿאַרפֿירט געוואָרן נאָך די בַעַל-געטער, און
זיי האָבן זיך געמאַכט בַעַל-ברית פֿאַר אַ גאָט. 34 און די קינדער פֿון
ישׂראל האָבן ניט געדאַכט אָן יהוה זייער גאָט וואָס האָט זיי מציל
געווען פֿון דער האַנט פֿון אַלע זייערע פֿײַנט פֿון רונד אַרום. 35 און
זיי האָבן ניט געטאָן חסד מיט דעם הויז פֿון ירובעל-גדעונען, לויט
אַלעם גוטן וואָס ער האָט געטאָן מיט ישׂראל.

ט 1 און אבֿימלך דער זון פֿון ירובעלן איז געגאַנגען קיין שכֶם צו
זײַן מוטערס ברידער, און ער האָט גערעדט צו זיי, און צו דער
גאַנצער משפּחה פֿון דעם הויז פֿון זײַן מוטערס פֿאָטער, אַזוי צו
זאָגן: 2 רעדט, איך בעט אײַך, אין די אויערן פֿון אַלע מענער פֿון שכֶם:
וואָס איז אײַך בעסער, צי איבער אײַך זאָלן געוועלטיקן זיבעציק
מאַן, אַלע זין פֿון ירובעלן, אָדער איבער אײַך זאָל געוועלטיקן איין
מאַן? אויך דאַרפֿט איר געדענקען, אַז אײַער ביין און אײַער פֿלייש
בין איך.

3 האָבן זײַן מוטערס ברידער גערעדט פֿון זײַנעטוועגן אין די אויערן
פֿון אַלע מענער פֿון שכֶם אַלע די דאָזיקע ווערטער, און זייער האַרץ
האָט זיך גענייגט נאָך אבֿימלכן, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: אונדזערער
אַ ברודער איז ער. 4 און זיי האָבן אים געגעבן זיבעציק זילבערשטיק
פֿון דעם הויז פֿון בַעַל-ברית, און אבֿימלך האָט דערמיט אָנגעדונגען
נישטיקע און לויזע לײַט, און זיי זײַנען געגאַנגען נאָך אים. 5 און ער
איז געקומען אין זײַן פֿאָטערס הויז אין עפֿרה, און האָט געהרגעט
זײַנע ברידער, די זין פֿון ירובעלן, זיבעציק מאַן, אויף איין שטיין; נאָר

יותם, דער ייִנגסטער זון פֿון ירובעלן איז געבליבן, ווײַל ער האָט זיך
באַהאַלטן.

6 און אַלע מענער פֿון שכֶם און גאַנץ בֵית-מלוא האָבן זיך
אײַנגעזאַמלט, און זיי זײַנען געגאַנגען, און האָבן געמאַכט אבֿימלכן
פֿאַר אַ מלך בײַם אײַכנבוים פֿון דעם זײַלשטיין וואָס אין שכֶם.

7 האָט מען אָנגעזאָגט יותמען, און ער איז געגאַנגען, און האָט זיך
געשטעלט אויפֿן שפּיץ באַרג גרזים, און ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן
קָול און גערופֿן, און האָט זיי געזאָגט: הערט מיר צו, מענער פֿון
שכֶם, און גאָט וועט אײַך צוהערן: 8 געגאַנגען זײַנען געגאַנגען די
ביימער צו זאַלבן אַ מלך איבער זיך, און זיי האָבן געזאָגט צום
איילבערטבוים: קיניג איבער אונדז. 9 האָט דער איילבערטבוים צו
זיי געזאָגט: זאָל איך אויפֿגעבן מײַן פֿעטקייט, וואָס מיט איר טוט
מען כּבֿוד גאָט און לײַט, און גיין זיך וויגן איבער די ביימער? 10
האָבן די ביימער געזאָגט צום פֿײַגנבוים: קום דו, קיניג איבער אונדז.
11 האָט דער פֿײַגנבוים צו זיי געזאָגט: זאָל איך אויפֿגעבן

מײַן זיסקייט און מײַן גוטע פֿרוכט, און גיין זיך וויגן איבער די
ביימער? 12 האָבן די ביימער געזאָגט צום ווײַנשטאָק: קום דו, קיניג
איבער אונדז. 13 האָט דער ווײַנשטאָק צו זיי געזאָגט: זאָל איך
אויפֿגעבן מײַן ווײַן וואָס דערפֿרייט גאָט און לײַט, און גיין זיך וויגן
איבער די ביימער? 14 האָבן אַלע ביימער געזאָגט צום דאָרן:
קום דו, קיניג איבער אונדז. 15 האָט דער דאָרן געזאָגט צו די
ביימער: אויב איר ווילט מיך אין דער אמת זאַלבן פֿאַר אַ מלך
איבער אײַך, קומט און שיצט אײַך אין מײַן שאָטן; און אויב ניט,
זאָל אַרויסגיין אַ פֿײַער פֿון דעם דאָרן, און פֿאַרצערן די צעדערן פֿון
לבֿנון.

16 און אַצונד, אויב איר האָט זיך מיט אמת און מיט ערלעכקייט
באַגאַנגען, וואָס איר האָט געמאַכט אבֿימלכן פֿאַר אַ מלך, און אויב
איר האָט געטאָן גוטס מיט ירובעלן און מיט זײַן הויז, און אויב איר
האָט אים געטאָן לויט דעם פֿאַרדינסט פֿון זײַנע הענט – 17 וואָרום
מײַן פֿאָטער האָט מלחמה געהאַלטן פֿאַר אײַך, און האָט
אַוועקגעוואָרפֿן זײַן לעבן, און אײַך מציל געווען פֿון דער האַנט פֿון
מדין; 18 און איר זײַט הײַנט אויפֿגעשטאַנען אויף מײַן פֿאָטערס הויז,

און האָט געהרגעט זײַנע זין, זיבעציק מאַן, אויף איין שטיין, און
געמאַכט אבֿימלך דעם זון פֿון זײַן דינסט פֿאַר אַ מלך איבער די
מענער פֿון שכֶם, ווײַל ער איז אײַערער אַ ברודער – 19 איז, אויב
איר האָט זיך מיט אמת און מיט ערלעכקייט באַגאַנגען מיט ירובעלן
און מיט זײַן הויז הײַנטיקן טאָג, פֿרייט זיך מיט אבֿימלכן, און זאָל ער
זיך פֿרייען מיט אײַך. 20 אויב אָבער ניט, זאָל אַרויסגיין אַ פֿײַער פֿון
אבֿימלכן, און פֿאַרצערן די מענער פֿון שכֶם און בֵית-מלוא; און זאָל
אַרויסגיין אַ פֿײַער פֿון די מענער פֿון שכֶם און בֵית-מלוא, און
פֿאַרצערן אבֿימלכן.

21 און יותם איז אַנטרונען געוואָרן; און ער איז אַנטלאָפֿן און איז
אַוועק קיין באֵר, און איז דאָרטן געזעסן פֿון וועגן זײַן ברודער
אבֿימלכן.

22 און אבֿימלך האָט געהערשט איבער ישׂראל דרײַ יאָר. 23 אָבער
גאָט האָט אָנגעשיקט אַ בייז געמיט צווישן אבֿימלכן און צווישן די
מענער פֿון שכֶם, און די מענער פֿון שכֶם האָבן געפֿעלשט אָן
אבֿימלכן. – 24 כּדי דאָס אומרעכט אָקעגן די זיבעציק זין פֿון
ירובעלן זאָל אויסגיין, און זייער בלוט אַרויפֿצוטאָן, אויף זייער
ברודער אבֿימלכן וואָס האָט זיי געהרגעט, און אויף די מענער פֿון
שכֶם וואָס האָבן געשטאַרקט זײַנע הענט צו הרגען זײַנע ברידער.–
25 און די מענער פֿון שכֶם האָבן געשטעלט לויערער אויף אים, אויף
די שפּיצן בערג, און זיי האָבן באַרויבט איטלעכן וואָס איז
פֿאַרבײַגעגאַנגען אויפֿן וועג; און עס איז דערציילט געוואָרן אבֿימלכן.

26 און געל דער זון פֿון עבֿדן איז געקומען מיט זײַנע ברידער, און זיי
זײַנען אַריבער אין שכֶם. און די מענער פֿון שכֶם האָבן זיך
אײַנגעגלויבט אין אים. 27 און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין פֿעלד,
און האָבן געהאַרבסט זייערע ווײַנגערטנער און געקעלטערט, און
געמאַכט אַ יום-טובֿ, און זיי זײַנען געגאַנגען אין הויז פֿון זייער גאָט,
און האָבן געגעסן און געטרונקען, און געשאָלטן אבֿימלכן. 28 און
געל דער זון פֿון עבֿדן האָט געזאָגט: ווער איז אבֿימלך, און ווער איז
שכֶם, אַז מיר זאָלן אים דינען? איז ער ניט דער זון פֿון ירובעלן, און
זבֿול זײַן אויפֿזעער? דינט מענטשן פֿון חמור דעם פֿאָטער פֿון שכֶם;
אָבער פֿאַר וואָס זאָלן מיר אים דינען? 29 און הלוואי גיט ווער דאָס

דאָזיקע פֿאָלק אין מײַן האַנט, איך וואָלט שוין אָפּגעשאַפֿט אבֿימלכן.
און ער האָט געלאָזט זאָגן אבֿימלכן: מער דײַן חיל, און קום אַרויס.

30 און זבֿול דער האַר פֿון שטאָט האָט געהערט די ווערטער פֿון געל
דעם זון פֿון עבֿדן, און זײַן צאָרן האָט געגרימט. 31 און ער האָט
געשיקט שלוחים צו אבֿימלכן קיין תּרמה, אַזוי צו זאָגן: זע, געל דער
זון פֿון עבֿדן און זײַנע ברידער זײַנען געקומען קיין שכֶם, און אָט
העצן זיי די שטאָט אויף דיר. 32 און אַצונד, שטיי אויף בײַ נאַכט, דו
און דאָס פֿאָלק וואָס מיט דיר, און לויער אין פֿעלד. 33 און עס וועט
זײַן אין דער פֿרי, ווי די זון גייט אויף, אַזוי זאָלסטו דיך פֿעדערן, און
זיך אַ לאָז טאָן אויף דער שטאָט; און אָט ווי ער און דאָס פֿאָלק וואָס
מיט אים גייען אַרויס צו דיר, אַזוי זאָלסטו טאָן צו אים ווי דײַן
האַנט וועט קענען.

34 איז אויפֿגעשטאַנען אבֿימלך און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט
אים בײַ נאַכט, און זיי האָבן געלויערט אויף שכֶם אין פֿיר מחנות. 35
און ווי געל דער זון פֿון עבֿדן איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך
געשטעלט אין אײַנגאַנג פֿון שטאָטטויער, אַזוי איז אויפֿגעשטאַנען
אבֿימלך און דאָס פֿאָלק וואָס מיט אים, פֿון דער לויער. 36 האָט געל
דערזען דאָס פֿאָלק, און ער האָט געזאָגט צו זבֿולן: זע, פֿאָלק נידערט
אַראָפּ פֿון די שפּיצן בערג. האָט זבֿול צו אים געזאָגט: דעם שאָטן
פֿון די בערג זעסטו אַזוי ווי מענטשן. 37 האָט געל ווידער גערעדט
און האָט געזאָגט: זע, פֿאָלק נידערט אַראָפּ פֿון דעם נאָפּל פֿון לאַנד,
און איין מחנה קומט פֿון דעם וועג פֿון
אלון-מעוננים. 38 האָט זבֿול צו אים געזאָגט: הײַנט אַווּ איז דײַן
מויל ווען דו האָסט געזאָגט: ווער איז אבֿימלך, אַז מיר זאָלן אים
דינען? איז דאָס ניט דאָס פֿאָלק וואָס דו האָסט עס פֿאַראַכט? גיי
אַדרבה אַרויס אַצונד, און האַלט מלחמה אַקעגן אים.

39 איז געל אַרויסגעגאַנגען פֿאַרויס פֿאַר די מענער פֿון שכֶם, און ער
האָט מלחמה געהאַלטן אַקעגן אבֿימלכן. 40 און אבֿימלך האָט אים
נאָכגעיאָגט, און ער איז פֿון אים אַנטלאָפֿן; און עס זײַנען געפֿאַלן
פֿיל דערשלאָגענע ביז צום אײַנגאַנג פֿון טויער.

41 און אבֿימלך איז געבליבן אין אַרומה; און זבֿול האָט פֿאַרטריבן
געלן און זײַנע ברידער פֿון זיצן אין שכֶם.

42 און עס איז געווען אויף מאָרגן, איז דאָס פֿאָלק
אַרויסגעגאַנגען אין פֿעלד, און מע האָט אָנגעזאָגט אבֿימלכן. 43 האָט
ער גענומען דאָס פֿאָלק, און האָט זיי צעטיילט אין דרײַ מחנות; און
ער האָט געלויערט אין פֿעלד. האָט ער דערזען, ערשט דאָס פֿאָלק
גייט אַרויס פֿון שטאָט, און ער איז אויפֿגעשטאַנען אויף זיי, און האָט
זיי געשלאָגן. 44 און אבֿימלך און די מחנות וואָס מיט אים האָבן זיך
אַ לאָז געטאָן, און האָבן זיך געשטעלט בײַם אײַנגאַנג פֿון
שטאָטטויער; און די צוויי מחנות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אַלע
וואָס אין פֿעלד, און האָבן זיי געשלאָגן. 45 און אבֿימלך האָט מלחמה
געהאַלטן אויף דער שטאָט יענעם גאַנצן טאָג, און האָט באַצוווּנגען
די שטאָט, און דאָס פֿאָלק וואָס איז אין איר האָט ער געהרגעט; און
ער האָט אײַנגעוואָרפֿן די שטאָט, און האָט זי פֿאַרזייט מיט זאַלץ.

46 האָבן דערהערט אַלע מענער פֿון מגדל-שכֶם, און זיי זײַנען
אַרײַנגעגאַנגען אין טורעם פֿון דעם הויז פֿון אֵל-בּרית. 47 איז
אָנגעזאָגט געוואָרן אבֿימלכן, אַז אַלע מענער פֿון מגדל-שכֶם האָבן
זיך צונויפֿגעקליבן. 48 און אבֿימלך איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג
צלמון, ער און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט אים, און אבֿימלך האָט
גענומען אַ האַק אין זײַן האַנט, און האָט אָפּגעהאַקט אַ צווײַג פֿון די
ביימער, און האָט אים גענומען און אַרויפֿגעטאָן אויף זײַן אַקסל; און
ער האָט געזאָגט צו דעם פֿאָלק וואָס מיט אים: וואָס איר האָט געזען
מיך טאָן, אײַלט, טוט אַזוי ווי איך. 49 האָט אויך דאָס גאַנצע פֿאָלק
אָפּגעהאַקט איטלעכער זײַן צווײַג; און זיי זײַנען געגאַנגען נאָך
אבֿימלכן, און האָבן עס אָנגעלייגט אַרום דעם טורעם, און
אָנגעצונדן אויף זיי דעם טורעם אין פֿײַער; און אויך אַלע מענטשן
פֿון מגדל-שכֶם זײַנען אומגעקומען, אַרום טויזנט מענער און פֿרויען.

50 און אבֿימלך איז געגאַנגען קיין תּבֿץ, און ער האָט געלעגערט אויף
תּבֿץ, און האָט זי באַצוווּנגען. 51 אָבער אַ שטאַרקער טורעם איז
געווען אין מיטן שטאָט, זײַנען אַהין אַנטלאָפֿן אַלע מענער און
פֿרויען, אַלע מענטשן פֿון שטאָט, און זיי האָבן זיך אײַנגעשלאָסן, און
זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן דאַך פֿון טורעם. 52 איז אבֿימלך
צוגעקומען ביזן טורעם, און האָט מלחמה געהאַלטן אויף אים, און
ער האָט גענענט ביזן אײַנגאַנג פֿון טורעם, כּדי אים צו פֿאַרברענען
אין פֿײַער. 53 האָט אַ פֿרוי אַראָפּגעוואָרפֿן אַן אויבערשטן מילשטיין
אויף אבֿימלכס קאָפּ, און האָט אים צעבראָכן דעם שאַרבן. 54 האָט

ער אויף גיך צוגערופֿן דעם יונג, זײַן װאָפֿנטרעגער, און האָט צו אים
געזאָגט: ציִ אַרויס דײַן שװערד, און טײט מיך, כּדי מע זאָל ניט זאָגן
אויף מיר: אַ פֿרוי האָט אים געהרגעט. האָט אים זײַן יונג
דערשטאָכן, און ער איז געשטאָרבן.

55 האָבן געזען די מענער פֿון ישׂראל אַז אבֿימלך איז טויט, און זײ
זײַנען אַװעקגעגאַנגען איטלעכער אין זײַן היים.

56 אַזױ האָט גאָט אומגעקערט דאָס בײז פֿון אבֿימלכן װאָס ער האָט
געטאָן אַקעגן זײַן פֿאָטער, צו הרגען זײַנע זיבעציק ברידער. 57 און
דאָס גאַנצע בײז פֿון די מענטשן פֿון שכֶם האָט גאָט אומגעקערט
אויף זײער קאָפּ, און זײ איז אָנגעקומען די קללה פֿון יותם דעם זון
פֿון ירובעלן.

י 1 און נאָך אבֿימלכן איז אױפֿגעשטאַנען צו העלפֿן ישׂראל תּולע
דער זון פֿון פּואה דעם זון פֿון דודון, אַ מאַן פֿון יִשׂשׂכר; און ער
איז געזעסן אין שמיר אין דעם געבערג פֿון אפֿרים. 2 און ער האָט
געמשפּט ישׂראל דרײַ און צװאַנציק יאָר. און ער איז געשטאָרבן, און
איז באַגראָבן געװאָרן אין שמיר.

3 און נאָך אים איז אױפֿגעשטאַנען יאיר דער גלעדער; און ער האָט
געמשפּט ישׂראל צװײ און צװאַנציק יאָר. 4 און ער האָט געהאַט
דרײַסיק זין װאָס זײַנען געריטן אויף דרײַסיק יונגע אײזלען, און זײ
האָבן געהאַט דרײַסיק שטעט; מע רופֿט זײ חוות־יאיר ביז אויף
הײַנטיקן טאָג; די װאָס אין לאַנד גלעד. 5 און יאיר איז געשטאָרבן,
און איז באַגראָבן געװאָרן אין קמון.

6 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן װידער געטאָן װאָס איז שלעכט
אין די אויגן פֿון גאָט, און זײ האָבן געדינט די בַעַל־געטער, און די
עשתּרות, און די געטער פֿון ארם, און די געטער פֿון צידון, און די
געטער פֿון מואָבֿ, און די געטער פֿון די קינדער פֿון עמון, און די
געטער פֿון די פּלִשתּים, און זײ האָבן פֿאַרלאָזן יהוה, און האָבן אים
ניט געדינט. 7 און דער צאָרן פֿון גאָט האָט געגרימט אויף ישׂראל,
און ער האָט זײ איבערגעענטפֿערט אין דער האַנט פֿון די פּלִשתּים,
און אין דער האַנט פֿון די קינדער פֿון עמון. 8 און זײ האָבן געפּלאָגט

און געדריקט די קינדער פֿון ישׂראל אין יענעם יאָר; אַכצן יאָר [אַזוי],
אַלע קינדער פֿון ישׂראל וואָס אויף יענער זײַט ירדן, אין לאַנד פֿון
אֶמורי וואָס אין גלעד. 9 און די קינדער פֿון עמון זײַנען
אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן מלחמה צו האַלטן אויך אויף יהודה, און
אויף בנימין, און אויפֿן הויז פֿון אפֿרים, און ישׂראלן האָט זייער
צוגעדריקט. 10 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געשריען צו גאָט,
אַזוי צו זאָגן: מיר האָבן געזינדיקט צו דיר, וואָס מיר האָבן פֿאַרלאָזן
אונדזער גאָט און געדינט די בַעַל-געטער. 11 האָט גאָט געזאָגט צו די
קינדער פֿון ישׂראל: האָב איך אײַך ניט [געהאָלפֿן] פֿון מצרים, און
פֿון אֶמורי, און פֿון די קינדער פֿון עמון, און פֿון די פְּלִשתּים? 12 אויך
די צידונים, און עמלק, און מעון, האָבן אײַך געדריקט, און איר האָט
געשריען צו מיר, און איך האָב אײַך געהאָלפֿן פֿון זייער האַנט. 13
אָבער איר האָט מיך פֿאַרלאָזן, און איר האָט געדינט פֿרעמדע
געטער. דרום וועל איך אײַך מער ניט העלפֿן. 14 גייט און שרײַט צו
די געטער וואָס איר האָט זיי אויסדערוויילט; זאָלן זיי אײַך העלפֿן אין
דער צײַט פֿון אײַער נויט.

15 האָבן די קינדער פֿון ישׂראל געזאָגט צו גאָט: מיר האָבן
געזינדיקט; טו דו צו אונדז אַזוי ווי אַלץ וואָס איז גוט אין דײַנע
אויגן, נאָר זײַ אונדז פֿאָרט מציל הײַנטיקן טאָג.

16 און זיי האָבן אָפּגעטאָן די פֿרעמדע געטער פֿון צווישן זיך, און
האָבן געדינט יהוה; און זײַן זעל איז באַקלעמט געוווען פֿון וועגן דער
מאַטערניש פֿון ישׂראל.

17 און די קינדער פֿון עמון האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און האָבן
געלאַגערט אין גלעד; און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן זיך
אויפֿגעקליבן און האָבן געלאַגערט אין מִצפּה. 18 האָט געזאָגט דאָס
פֿאָלק, די האַרן פֿון גלעד, איינער צום אַנדערן: ווער איז דער מאַן
וואָס וויל אָנהייבן מלחמה האַלטן אַקעגן די קינדער פֿון עמון? ער
זאָל ווערן פֿאַר אַ הויפּט איבער אַלע באַווינער פֿון גלעד.

## יא

1 און יִפֿתּח דער גלעדער איז געווען אַ העלדישער גיבור, און
ער איז געווען דער זון פֿון אַ פֿרוי אַ זונה; און גלעד האָט
געבאָרן יִפֿתּחן. 2 און גלעדס ווײַב האָט אים געבאָרן זין, און די זין

פֿון דער ווײַב זײַנען גרויס געוואָרן, און זיי האָבן אַרויסגעטריבן
יפֿתּחן, און האָבן צו אים געזאָגט: וועסט ניט ירשען אין אונדזער
פֿאָטערס הויז, וואָרום דו ביסט דער זון פֿון אַן אַנדער פֿרוי. 3 איז
יפֿתּח אַנטלאָפֿן פֿון זײַנע ברידער, און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד
טובֿ, און עס האָבן זיך אויפֿגעקליבן אַרום יפֿתּחן נישטיקע לײַט, און
זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען  מיט אים.

4 און עס איז געווען אין טעג אַרום, האָבן די קינדער פֿון עמון
מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל. 5 איז, ווען די קינדער פֿון עמון האָבן
מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל, אַזוי זײַנען געגאַנגען די עלטסטע פֿון
גלעד צו ברענגען יפֿתּחן פֿון לאַנד טובֿ. 6 און זיי האָבן געזאָגט צו
יפֿתּחן: קום און וועסט אונדז זײַן פֿאַר אַ פֿירער, און מיר וועלן
מלחמה האַלטן אַקעגן די קינדער פֿון עמון. 7 האָט יפֿתּח געזאָגט צו
די עלטסטע פֿון גלעד: איר האָט דאָך מיך פֿײַנט געהאַט, און מיך
פֿאַרטריבן פֿון מײַן פֿאָטערס הויז, הײַנט פֿאַר וואָס זײַט איר געקומען
צו מיר אַצונד ווען אײַך האָט צוגעדריקט? 8 האָבן די עלטסטע פֿון
גלעד געזאָגט צו יפֿתּחן: דרום האָבן מיר זיך אומגעקערט צו דיר
אַצונד, אַז דו זאָלסט גיין מיט אונדז, און מלחמה האַלטן מיט די
קינדער פֿון עמון, און ווערן בײַ אונדז פֿאַר אַ הויפּט איבער אַלע
באַוווינער פֿון גלעד. 9 האָט יפֿתּח געזאָגט צו די עלטסטע פֿון גלעד:
אויב איר קערט מיך אום, מלחמה צו האַלטן מיט די קינדער פֿון
עמון, און גאָט וועט זיי איבערגעבן צו מיר, זאָל איך בלײַבן בײַ אײַך
פֿאַר אַ הויפּט. 10 האָבן די עלטסטע פֿון גלעד געזאָגט צו יפֿתּחן:
גאָט זאָל זײַן אַ צוהערער צווישן אונדז, אויב מיר וועלן ניט טאָן אַזוי
ווי דײַן וואָרט! 11 איז יפֿתּח געגאַנגען מיט די עלטסטע פֿון גלעד,
און דאָס פֿאָלק האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ הויפּט און פֿאַר אַ פֿירער
איבער זיי. און יפֿתּח האָט גערעדט אַלע זײַנע רייד פֿאַר גאָט אין
מִצפּה.

12 און יפֿתּח האָט געשיקט שלוחים צו דעם מלך פֿון די קינדער פֿון
עמון, אַזוי צו זאָגן: וואָס האָסטו צו מיר, וואָס דו ביסט געקומען צו
מיר מלחמה צו האַלטן אויף מײַן לאַנד? 13 האָט דער מלך פֿון די
קינדער פֿון עמון געזאָגט צו יפֿתּחס שלוחים: ווײַל ישׂראל האָט
צוגענומען מײַן לאַנד, ווען ער איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון מצרים, פֿון
אַרנון און ביזן יבק און ביזן ירדן. און אַצונד קער זיי אום אין פֿריד.

14 האָט יפֿתּח ווידער געשיקט שלוחים צו דעם מלך פֿון די קינדער
פֿון עמון, 15 און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יפֿתּח:
ישׂראל האָט ניט צוגענומען דאָס לאַנד פֿון מואבֿ, אָדער דאָס לאַנד
פֿון די קינדער פֿון עמון. 16 נייַערט אַז זיי זייַנען אַרויפֿגעגאַנגען פֿון
מצרים, און ישׂראל איז געגאַנגען דורכן מדבר ביזן ים-סוף, און איז
אָנגעקומען קיין קדש, 17 האָט ישׂראל געשיקט שלוחים צו דעם מלך
פֿון אדום, אַזוי צו זאָגן: לאָמיך, איך בעט דיך, דורכגיין דורך דייַן
לאַנד. אָבער דער מלך פֿון אדום האָט ניט צוגעהערט. און אויך צו
דעם מלך פֿון מואבֿ האָט ער געשיקט, אָבער ער האָט ניט
אייַנגעוויליקט; און ישׂראל איז געבליבן אין קדש. 18 און ער איז
געגאַנגען דורכן מדבר, און האָט געצויגן אַרום לאַנד אדום, און אַרום
לאַנד מואבֿ, און ער איז געקומען פֿון מזרח-זייַט פֿון לאַנד מואבֿ. און
זיי האָבן גערוט אויף יענער זייַט אַרנון, און זייַנען ניט געקומען אין
דעם געמאַרק פֿון מואבֿ, וואָרום אַרנון איז דער געמאַרק פֿון מואבֿ.
19 און ישׂראל האָט געשיקט שלוחים צו סיחון דעם מלך פֿון אֶמורי,
דעם מלך פֿון חשבון, און ישׂראל האָט צו אים געזאָגט: לאָז אונדז,
איך בעט דיך, דורכגיין דורך דייַן לאַנד צו מייַן אָרט. 20 אָבער סיחון
האָט ניט געטרויט ישׂראל דורכצוגיין דורך זייַן געמאַרק, און סיחון
האָט אייַנגעזאַמלט זייַן גאַנץ פֿאָלק, און זיי האָבן געלאַגערט אין
יהצה, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל. 21 און יהוה דער
גאָט פֿון ישׂראל האָט געגעבן סיחונען און זייַן גאַנץ פֿאָלק אין דער
האַנט פֿון ישׂראל, און זיי האָבן זיי געשלאָגן, און ישׂראל האָט
אייַנגענומען דאָס גאַנצע לאַנד פֿון אֶמורי, דעם באַוווינער פֿון יענעם
לאַנד. 22 און זיי האָבן אייַנגענומען דעם גאַנצן געמאַרק פֿון אֶמורי,
פֿון אַרנון און ביזן יבוק, און פֿון מדבר און ביזן ירדן.
23 און אַצונד, יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל האָט פֿאַרטריבן דעם אֶמורי
פֿון פֿאַר זייַן פֿאָלק ישׂראל, און דו ווילסט אים ירשען? 24 ירשעסטו
ניט דאָס וואָס כּמוש דייַן גאָט גיט דיר צו ירשען? און אַלע וואָס
יהוה אונדזער גאָט האָט פֿאַרטריבן פֿון פֿאַר אונדז, זיי וועלן מיר
ירשען. 25 און אַצונד, ביסט דו דען עפּעס בעסער פֿון בלק דעם זון
פֿון צפּורן, דעם מלך פֿון מואבֿ? האָט ער דען שטרייַטן געשטריטן
מיט ישׂראל? צי האָט ער מלחמה אויף זיי מלחמה געהאַלטן? 26 אַז
ישׂראל איז געזעסן אין חשבון און אין אירע טעכטערשטעט, און אין
ערעור און אין אירע טעכטערשטעט, און אין אַלע שטעט וואָס בייַ
די זייַטן פֿון אַרנון, דרייַ הונדערט יאָר, טאָ פֿאַר וואָס האָט איר זיי
ניט אָפּגענומען אין יענער צייַט? 27 האָב איך דאָך אַקעגן דיר ניט

געזינדיקט, און דו טוסט מיט מיר בייז, מלחמה צו האַלטן אויף מיר. זאָל גאָט דער משפּטער משפּטן היַינט צווישן די קינדער פֿון ישׂראל און צווישן די קינדער פֿון עמון.

28 אָבער דער מלך פֿון די קינדער פֿון עמון האָט ניט צוגעהערט צו די ווערטער פֿון יִפֿתּחן, וואָס ער האָט צו אים געשיקט. 29 און אַ גייַסט פֿון גאָט איז געווען אויף יִפֿתּחן, און ער איז דורכגעגאַנגען גלעד און מנשה, און דורכגעגאַנגען מִצפּה-גלעד, און פֿון מִצפּה-גלעד איז ער אַריבער צו די קינדער פֿון עמון.

30 און יִפֿתּח האָט אַ נדר געטאָן צו גאָט, און האָט געזאָגט: אויב געבן וועסטו געבן די קינדער פֿון עמון אין מיַין האַנט, 31 איז, דער אַרויסגייער וואָס וועט אַרויסגיין פֿון די טירן פֿון מיַין הויז מיר אַנטקעגן, ווען איך קער זיך אום בשלום פֿון די קינדער פֿון עמון, זאָל געהערן צו גאָט, און איך וועל אים אויפֿברענגען פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער.

32 און יִפֿתּח איז אַריבער צו די קינדער פֿון עמון, מלחמה צו האַלטן מיט זיי, און גאָט האָט זיי געגעבן אין זיַין האַנט. 33 און ער האָט זיי געשלאָגן פֿון ערוער און ביז דו קומסט קיין מנית, צוואַנציק שטעט, און ביז אָבֵל-כּרמים, זייער אַ גרויסן שלאַק. און די קינדער פֿון עמון זיַינען אונטערטעניק געוואָרן פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל.

34 און ווי יִפֿתּח איז אָנגעקומען קיין מִצפּה צו זיַין הויז, ערשט זיַין טאָכטער גייט אַרויס אים אַנטקעגן מיט פּויקן און מיט טענץ; און זי איז געווען בלויז אַן אייניציקע, ער האָט אַחוץ איר ניט געהאַט קיין זון און קיין טאָכטער. 35 און עס איז געווען, ווי ער האָט זי דערזען, אַזוי האָט ער צעריסן זיַינע קליידער, און האָט געזאָגט: וויי, מיַין טאָכטער, בייגן אַנידערגעבויגן האָסטו מיך, און דו ביסט פֿון מיַינע פֿאַראומגליקער געוואָרן; וואָרום איך האָב געעפֿנט מיַין מויל צו גאָט, און קען ניט צוריקציִען. 36 האָט זי צו אים געזאָגט: פֿאָטער מיַינער, האָסט געעפֿנט דיַין מויל צו גאָט; טו צו מיר, אַזוי ווי עס איז אַרויס פֿון דיַין מויל, נאָך דעם אַז גאָט האָט דיר געגעבן אַ נקמה אָן דיַינע פֿיַינט, אָן די קינדער פֿון עמון. 37 און זי האָט געזאָגט צו איר פֿאָטער: זאָל מיר געטאָן ווערן די דאָזיקע זאַך: לאָז מיך אָפּ אויף צוויי חדשים: און איך וועל גיין און וועל נידערן אויף די בערג, און

וועל וויינען אויף מײַן יונגפֿרוישאַפֿט, איך און מײַנע חבֿרטעס. 38
האָט ער געזאָגט: גיי. און ער האָט זי אַװעקגעשיקט אויף צוויי
חדשים, און זי איז געגאַנגען, זי און אירע חבֿרטעס, און האָט
געוויינט אויף איר יונגפֿרוישאַפֿט, אויף די בערג. 39 און עס איז
געווען צום סוף פֿון צוויי חדשים, האָט זי זיך אומגעקערט צו איר
פֿאָטער, און ער האָט געטאָן צו איר זײַן נדר וואָס ער האָט אַ נדר
געטאָן. און זי האָט פֿון קיין מאַן ניט געוווּסט.

און עס איז געוואָרן אַ מנהג אין ישׂראל: 40 פֿון יאָר צו יאָר גייען די
טעכטער פֿון ישׂראל קלאָגן אויף דער טאָכטער פֿון יִפֿתּח דעם
גלעדער פֿיר טעג אין יאָר.

## יב

1 און די מענער פֿון אפֿרים האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און זיי
זײַנען אַריבער קיין צפֿון, און האָבן געזאָגט צו יִפֿתּחן: פֿאַר
וואָס ביסטו אַריבערגעגאַנגען מלחמה צו האַלטן מיט די קינדער פֿון
עמון, און אונדז האָסטו ניט גערופֿן צו גיין מיט דיר? דײַן הויז וועלן
מיר פֿאַרברענען איבער דיר אין פֿײַער. 2 האָט יִפֿתּח צו זיי געזאָגט:
אין גרויס שטרײַט בין איך געווען, איך און מײַן פֿאָלק, מיט די
קינדער פֿון עמון, און איך האָב אײַך גערופֿן, און איר האָט מיך ניט
געהאָלפֿן פֿון זייער האַנט. 3 האָב איך געזען אַז איר העלפֿט ניט, און
איך האָב גענומען מײַן לעבן אין מײַן האַנט, און בין אַריבער צו די
קינדער פֿון עמון, און גאָט האָט זיי געגעבן אין מײַן האַנט; און פֿאַר
וואָס זײַט איר אַרויפֿגעקומען צו מיר הײַנטיקן טאָג מלחמה צו
האַלטן מיט מיר?

4 און יִפֿתּח האָט אײַנגעזאַמלט אַלע מענער פֿון גלעד, און האָט
מלחמה געהאַלטן מיט אפֿרים, און די מענער פֿון גלעד האָבן
געשלאָגן אפֿרים, ווײַל זיי האָבן געזאָגט: אויסוווּרפֿן פֿון אפֿרים זײַט
איר, גלעד, צווישן אפֿרים, צווישן מנשה. 5 און גלעד האָט פֿאַרכאַפּט
די איבערפֿאָרן פֿון ירדן פֿאַר אפֿרים, און עס איז געווען, אַז אַן
אַנטרונענער פֿון אפֿרים האָט געזאָגט: איך וויל אַריבערגיין, אַזוי
האָבן די מענער פֿון גלעד צו אים געזאָגט: ביסטו אַן אפֿרימער? און
אַז ער האָט געזאָגט: ניין, 6 האָבן זיי צו אים געזאָגט: זאָג אַקאָרשט

שבולת, און אַז ער האָט געזאָגט סבולת, ווײַל ער האָט ניט געקענט
אַרויסרעדן ריכטיק, אַזוי האָבן זיי אים אָנגענומען און אים
געשחטן בײַ די איבערפֿאָרן פֿון ירדן. און עס זײַנען געפֿאַלן אין
יענער צײַט פֿון אפֿרים צוויי און פֿערציק טויזנט.

7 און יפֿתּח האָט געמשפּט ישׂראל זעקס יאָר, און יפֿתּח דער גלעדער
איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין [איינער פֿון] די שטעט
פֿון גלעד.

8 און נאָך אים האָט געמשפּט ישׂראל אִבֿצן פֿון בֵית-לחם. 9 און ער
האָט געהאַט דרײַסיק זין, און דרײַסיק טעכטער האָט ער
אויסגעגעבן, און דרײַסיק טעכטער האָט ער אַרײַנגענומען פֿאַר זײַנע
זין פֿון דרויסן. און ער האָט געמשפּט ישׂראל זיבן יאָר. 10 און אִבֿצן
איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין בֵית-לחם.

11 און נאָך אים האָט געמשפּט ישׂראל אילון דער זבֿולונער. און ער
האָט געמשפּט ישׂראל צען יאָר. 12 און אילון דער זבֿולונער איז
געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין אילון אין לאַנד זבֿולון.

13 און נאָך אים האָט געמשפּט ישׂראל עבֿדון דער זון פֿון הלל פֿון
פּרעתון. 14 און ער האָט געהאַט פֿערציק זין און דרײַסיק אייניקלעך,
וואָס זײַנען געריטן אויף זיבעציק יונגע אייזלען. און ער האָט
געמשפּט ישׂראל אַכט יאָר. 15 און עבֿדון דער זון פֿון הלל פֿון
פּרעתון איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין פּרעתון אין
לאַנד אפֿרים, אויפֿן בארג פֿון עמלק.

## יג

1 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז
שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט, און גאָט האָט זיי געגעבן אין
דער האַנט פֿון די פּלִשתּים פֿערציק יאָר.

2 און עס איז געווען אַ מאַן פֿון צרעה, פֿון דער משפּחה פֿון דָן, וואָס
זײַן נאָמען איז געווען מנוח; און זײַן ווײַב איז געווען אַן עקרה, און
האָט ניט געבאָרן. 3 האָט אַ מלאך פֿון גאָט זיך באַוויזן צו דער פֿרוי,
און האָט צו איר געזאָגט: זע נאָר, דו ביסט אַן עקרה, און האָסט ניט
געבאָרן; אָבער וועסט טראָגעדיק ווערן, און וועסט געבערן אַ זון. 4

און אַצונד, היט זיך אַקאָרשט, און זאָלסט ניט טרינקען ווײַן אָדער
שטאַרק געטראַנק, און ניט עסן קיין אומריינס. 5 וואָרום זע, דו
וועסט טראָגעדיק, און געבערסט אַ זון; און אַ שערמעסער זאָל ניט
אַרויפֿגיין אויף זײַן קאָפּ, וואָרום אַ נזיר פֿון גאָט זאָל דער ייִנגל זײַן
פֿון מוטערלײַב אָן; און ער וועט אָנהייבן העלפֿן ישׂראל פֿון דער
האַנט פֿון די פּלִשתּים.

6 און די פֿרוי איז געקומען, און האָט געזאָגט צו איר מאַן, אַזוי צו
זאָגן: אַ געטלעכער מאַן איז געקומען צו מיר, און זײַן אויסזען איז
געווען אַזוי ווי דאָס אויסזען פֿון אַ מלאך פֿון גאָט, מוראדיק זייער;
און ניט איך האָב אים געפֿרעגט פֿון וואַנען ער איז, און ניט ער האָט
מיר געזאָגט זײַן נאָמען. 7 אָבער ער האָט צו מיר געזאָגט: זע, דו
וועסט טראָגעדיק, און געבערסט אַ זון; און אַצונד, זאָלסטו ניט
טרינקען ווײַן אָדער שטאַרק געטראַנק, און ניט עסן קיין
אומריינקייט, וואָרום אַ נזיר פֿון גאָט זאָל דער ייִנגל זײַן פֿון
מוטערלײַב אָן ביז דעם טאָג פֿון זײַן טויט.

8 האָט מנוח מתפּלל געווען צו גאָט, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך,
גאָט, זאָל דער געטלעכער מאַן, וואָס דו האָסט געשיקט, ווידער
קומען צו אונדז, אונדז לערנען וואָס מיר זאָלן טאָן צו דעם ייִנגל
וואָס וועט געבאָרן ווערן.

9 און גאָט האָט צוגעהערט צו דעם קָול פֿון מנוחן, און דער מלאך
פֿון גאָט איז ווידער געקומען צו דער פֿרוי, ווי זי איז געזעסן אין
פֿעלד; און מנוח איר מאַן איז ניט געווען לעבן איר. 10 האָט די פֿרוי
געאײַלט און איז געלאָפֿן, און האָט דערציילט איר מאַן, און האָט צו
אים געזאָגט: אָט האָט זיך באַוויזן צו מיר דער מאַן וואָס איז
געקומען צו מיר אין יענעם טאָג. 11 איז מנוח אויפֿגעשטאַנען, און
איז געגאַנגען נאָך זײַן ווײַב, און ער איז געקומען צו דעם מאַן, און
האָט צו אים געזאָגט: ביסט דו דער מאַן וואָס האָט גערעדט צו דער
פֿרוי? האָט ער געזאָגט: איך. 12 האָט מנוח געזאָגט: אַצונד אַז דײַן
וואָרט וועט אָנקומען, וואָס זאָל זײַן דער שטייגער מיטן ייִנגל, און
וואָס טאָן צו אים? 13 האָט דער מלאך פֿון גאָט געזאָגט צו מנוחן:
פֿון אַלץ וואָס איך האָב אָנגעזאָגט דער פֿרוי, זאָל זי זיך היטן. 14 פֿון
אַלץ וואָס קומט אַרויס פֿון ווײַנשטאָק, זאָל זי ניט עסן, און ווײַן און

שטאַרק געטראַנק זאָל זי ניט טרינקען, און קיין אומריינקייט זאָל זי
ניט עסן; אַלץ וואָס איך האָב איר באַפֿוילן זאָל זי אָפּהיטן.

15 האָט מנוח געזאָגט צו דעם מלאך פֿון גאָט: לאָמיר, איך בעט דיך,
דיך פֿאַרהאַלטן, און מיר וועלן מאַכן פֿאַר דיר אַ ציגנבעקל. 16 האָט
דער מלאך פֿון גאָט געזאָגט צו מנוחן: אַפֿילו דו וועסט מיך
פֿאַרהאַלטן, וועל איך ניט עסן פֿון דײַן שפּײַז; אויב אָבער דו ווילסט
מאַכן אַ בראַנדאָפּפֿער, זאָלסטו עס אויפֿברענגען צו גאָט. וואָרום
מנוח האָט ניט געוווּסט אַז דאָס איז אַ מלאך פֿון גאָט. 17 און מנוח
האָט געזאָגט צו דעם מלאך פֿון גאָט: וואָס איז דײַן נאָמען, כּדי אַז
דײַן וואָרט וועט אָנקומען, זאָלן מיר דיר אָנטאָן כּבֿוד. 18 האָט דער
מלאך פֿון גאָט צו אים געזאָגט: נאָך וואָס דען פֿרעגסטו אויף מײַן
נאָמען, אַז ער איז פֿאַרהוילן? 19 האָט מנוח גענומען דאָס ציגנבעקל
און דאָס שפּײַזאָפּפֿער, און האָט אויפֿגעבראַכט אויף דעם פֿעלז פֿאַר
גאָט; און דער [מלאך] האָט געטאָן וווּנדערלעך, און מנוח און זײַן
ווײַב האָבן צוגעזען. 20 וואָרום עס איז געווען, ווי די פֿלאַם איז
אויפֿגעגאַנגען פֿון מזבח צום הימל, אַזוי איז דער מלאך פֿון גאָט
אויפֿגעגאַנגען מיט דער פֿלאַם פֿון מזבח. און מנוח און זײַן ווײַב
האָבן דאָס געזען, און זיי זײַנען געפֿאַלן אויף זייער פּנים צו דער
ערד.

21 און דער מלאך פֿון גאָט האָט זיך מער ניט באַוויזן צו מנוחן און
צו זײַן ווײַב. דענצמאָל האָט מנוח געוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ
מלאך פֿון גאָט.

22 און מנוח האָט געזאָגט צו זײַן ווײַב: שטאַרבן וועלן מיר
שטאַרבן, וואָרום גאָט האָבן מיר געזען. 23 האָט זײַן ווײַב צו אים
געזאָגט: אַז גאָט וואָלט געוואָלט אונדז טייטן, וואָלט ער ניט
אָנגענומען פֿון אונדזער האַנט אַ בראַנדאָפּפֿער און אַ שפּײַזאָפּפֿער,
און וואָלט אונדז ניט באַוויזן דאָס אַלץ, און וואָלט אונדז אַצונד ניט
אָנגעזאָגט אַזוי-וואָס. 24 און די פֿרוי האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט
גערופֿן זײַן נאָמען שמשון. און דער ייִנגל איז געוואַקסן, און גאָט
האָט אים געבענטשט. 25 און דער גײַסט פֿון גאָט האָט אָנגעהויבן צו
שלאָגן אין אים, אין מחנה-דָן, צווישן צרעה און צווישן אשתּאול.

# יד

1 און שמשון האָט גענידערט קיין תּמנה, און האָט געזען אַ
ווײַבספּאַרשוין אין תּמנה פֿון די טעכטער פֿון די פּלִשתּים. 2
און ער איז אַרויפֿגעקומען, און האָט דערציילט זײַן פֿאָטער און זײַן
מוטער, און האָט געזאָגט: איך האָב געזען אַ ווײַבספּאַרשוין אין
תּמנה פֿון די טעכטער פֿון די פּלִשתּים, און אַצונד נעמט זי מיר פֿאַר
אַ ווײַב. 3 האָט צו אים געזאָגט זײַן פֿאָטער און זײַן מוטער: איז
ניטאָ צווישן די טעכטער פֿון דײַנע ברידער און צווישן מײַן גאַנצן
פֿאָלק אַ ווײַבספּאַרשוין, אַז דו גייסט נעמען אַ ווײַב פֿון די
אומבאַשניטענע פּלִשתּים? האָט שמשון געזאָגט צו זײַן פֿאָטער: נעם
זי מיר וואָרום זי איז ווילגעפֿעלן אין מײַנע אויגן. 4 און זײַן פֿאָטער
און זײַן מוטער האָבן ניט געוווּסט אַז דאָס איז פֿון גאָט, אַז דאָס
זוכט ער אַן אויסרעד אויף די פּלִשתּים. און אין יענער צײַט האָבן די
פּלִשתּים געוועלטיקט איבער ישׂראל.

5 האָט שמשון אַראָפּגענידערט מיט זײַן פֿאָטער און זײַן מוטער קיין
תּמנה. און זיי זײַנען געקומען ביז די ווײַנגערטנער פֿון תּמנה, ערשט
אַ יונגער לייב ברילט אַקעגן אים. 6 איז געקומען אויף אים אַ גײַסט
פֿון גאָט, און ער האָט אים צעריסן, אַזוי ווי מע צערײַסט אַ ציקעלע;
און קיין זאַך איז ניט געווען אין זײַן האַנט. און ער האָט ניט
דערציילט זײַן פֿאָטער און זײַן מוטער וואָס ער האָט געטאָן. 7 און
ער האָט אַראָפּגענידערט, און האָט גערעדט צו דער ווײַבספּאַרשוין,
און זי איז ווילגעפֿעלן אין שמשונס אויגן.

8 און אין טעג אַרום איז ער צוריקגעקומען זי צו נעמען, און ער
האָט פֿאַרקערט צו זען די נבֿלה פֿון דעם לייב, ערשט אין דעם לײַב
פֿון לייב איז אַ ראָי בינען און האָניק. 9 האָט ער עס אַרויסגעשאַרט
אין זײַנע האַנטפֿלעכן, און איז געגאַנגען און גייענדיק געגעסן. און
ער איז געקומען צו זײַן פֿאָטער און צו זײַן מוטער, און האָט זיי
געגעבן, און זיי האָבן געגעסן. און ער האָט זיי ניט דערציילט אַז פֿון
דעם לייבס לײַב האָט ער אַרויסגעשאַרט דעם האָניק.

10 און זײַן פֿאָטער האָט אַראָפּגענידערט צו דער ווײַבספּאַרשוין. און
שמשון האָט דאָרטן געמאַכט אַ מאָלצײַט; וואָרום אַזוי פֿלעגן טאָן די
בחורים. 11 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אים געזען, אַזוי האָבן
זיי געבראַכט דרײַסיק חבֿרים, און זיי זײַנען געווען מיט אים. 12 האָט
שמשון צו זיי געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט אײַך ראָטן אַ רעטעניש;

אויב זאָגן וועט איר עס מיר זאָגן אין די זיבן טעג פֿון דעם מאָלצײַט,
און וועט טרעפֿן, וועל איך אײַך געבן דרײַסיק לײַנענע טיכער און
דרײַסיק גאַנג קליידער. 13 אויב אָבער איר וועט מיר ניט קענען
זאָגן, זאָלט איר מיר געבן דרײַסיק לײַנענע טיכער און דרײַסיק גאַנג
קליידער. האָבן זיי צו אים געזאָגט: ראָט דײַן רעטעניש, און לאָמיר
זי הערן. 14 האָט ער צו זיי געזאָגט:

פֿון עסער איז אַרויס אַן עסן,
און פֿון שטאַרקן איז אַרויס אַ זיסער.

האָבן זיי דרײַ טעג ניט געקענט זאָגן די רעטעניש. 15 און עס איז
געווען אויפֿן זיבעטן טאָג, האָבן זיי געזאָגט צו שמשונס ווײַב: רעד
איבער דײַן מאַן ער זאָל אונדז אויסזאָגן די רעטעניש, אַניט וועלן
מיר פֿאַרברענען דיך און דײַן פֿאָטערס הויז מיט פֿײַער. האָט איר
אונדז גערופֿן כּדי אונדז צו ירשען? צי ניין? 16 האָט שמשונס ווײַב
געוויינט פֿאַר אים, און האָט געזאָגט: סײַדן האָסט מיך פֿײַנט און ניט
ליב. האָסט די רעטעניש געראָטן צו די קינדער פֿון מײַן פֿאָלק, און
מיר האָסטו ניט אויסגעזאָגט. האָט ער צו איר געזאָגט: זע, מײַן
טאַטן און מײַן מאַמען האָב איך ניט אויסגעזאָגט, און דיר זאָל איך
אויסזאָגן? 17 האָט זי געוויינט פֿאַר אים די זיבן טעג וואָס בײַ זיי איז
געווען דער מאָלצײַט. און עס איז געווען אויפֿן זיבעטן טאָג, האָט ער
איר אויסגעזאָגט, ווײַל זי האָט אים צוגעדריקט; און זי האָט
אויסגעזאָגט די רעטעניש צו די קינדער פֿון איר פֿאָלק. 18 און די
מענטשן פֿון שטאָט האָבן געזאָגט צו אים אויפֿן זיבעטן טאָג, איידער
די זון איז אונטערגעגאַנגען:

וואָס איז זיסער פֿון האָניק?
און וואָס איז שטאַרקער פֿון אַ לייב?

האָט ער צו זיי געזאָגט:

ווען איר וואָלט מיט מײַן קאַלב ניט געאַקערט,
וואָלט איר מײַן רעטעניש ניט געטראָפֿן.

19 און אַ גײַסט פֿון גאָט איז געקומען אויף אים, און ער האָט
אַראָפּגענידערט קיין אַשקלון, און האָט געשלאָגן פֿון זיי דרײַסיק
מאַן, און צוגענומען זייער אויסטו; און ער האָט אָפּגעגעבן די גאַנגן

קליידער צו די וואָס האָבן געזאָגט די רעטעניש; און זײַן צאָרן האָט
געגרימט, און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען צו זײַן פֿאָטערס הויז. 20 און
שמשונס ווײַב איז געוואָרן זײַנעם אַ חבֿרס, וועמען ער האָט
צוגעחבֿרט צו זיך.

# טו

1 און עס איז געווען אין טעג אַרום, אין די טעג פֿון
ווייצשניט, האָט שמשון באַזוכט זײַן ווײַב מיט אַ ציגנבעקל,
און ער האָט געזאָגט: לאָמיך אַרײַנגיין צו מײַן ווײַב אין קאַמער.
אָבער איר פֿאָטער האָט אים ניט געלאָזט אַרײַנגיין. 2 און איר
פֿאָטער האָט געזאָגט: קלערן האָב איך געקלערט, אַז דו האָסט זי
זיכער פֿײַנט געקראָגן, און איך האָב זי אַוועקגעגעבן צו דײַן חבֿר. איז
ניט איר ייִנגערע שוועסטער שענער פֿון איר? זאָל זי זײַן פֿאַר דיר, איך בעט
דיך, זײַן אָנשטאָט יענער. 3 האָט שמשון צו זיי געזאָגט: דאָס מאָל
בין איך ריין קעגן די פּלִשתּים, אויב איך טו מיט זיי בייז.

4 און שמשון איז געגאַנגען, און האָט געכאַפּט דרײַ הונדערט פֿיקס,
און ער האָט גענומען בראַנדהעלצער, און האָט צוגעקערט אַן עק צו
אַן עק, און אַרײַנגעטאָן אַ בראַנדהאָלץ צווישן צוויי עקן, אין מיטן. 5
און ער האָט אָנגעצונדן אַ פֿײַער אין די בראַנדהעלצער, און האָט זיי
אַוועקגעלאָזט אין די שטייעדיקע תּבֿואות פֿון די פּלִשתּים; און ער
האָט פֿאַרברענט פֿון אַ סטויג ביז שטייעדיקער תּבֿואה, און ביז אַן
איילבערטגאָרטן.

6 האָבן די פּלִשתּים געזאָגט: ווער האָט דאָס געטאָן? האָט מען
געזאָגט: שמשון, דער איידעם פֿון דעם תּמנהער, ווײַל ער האָט
גענומען זײַן ווײַב, און זי אַוועקגעגעבן צו זײַן חבֿר. זײַנען
אַרויפֿגעגאַנגען די פּלִשתּים, און האָבן פֿאַרברענט זי און איר פֿאָטער
אין פֿײַער.

7 האָט שמשון צו זיי געזאָגט: אויב איר טוט אַזוי-וואָס, מוז איך ניט
אַנדערש זיך נוקם זײַן אָן אײַך, און דערנאָך וועל איך אויפֿהערן. 8
און ער האָט זיי געשלאָגן רוק און לענד, אַ גרויסן שלאַק. און ער
האָט אַראָפּגענידערט, און איז געזעסן אין דעם שפּאַלט פֿון פֿעלז
עיטם.

9 זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען די פּלִשתּים, און האָבן געלאַגערט אין יהודה,
און זיי האָבן זיך צעשפּרייט אין לחי. 10 האָבן די מענער פֿון יהודה
געזאָגט: פֿאַר וואָס זײַט איר אַרויפֿגעקומען אויף אונדז? האָבן זיי
געזאָגט: צו בינדן שמשונען זײַנען מיר אַרויפֿגעקומען; צו טאָן צו
אים, אַזוי ווי ער האָט געטאָן צו אונדז.

11 האָבן אַראָפּגענידערט דרײַ טויזנט מאַן פֿון יהודה צו דעם שפּאַלט
פֿון פֿעלז עיטם, און זיי האָבן געזאָגט צו שמשונען: ווייסטו דען ניט
אַז די פּלִשתּים געוועלטיקן איבער אונדז? הײַנט וואָס האָסטו אונדז
דאָ אָפּגעטאָן? האָט ער צו זיי געזאָגט: ווי זיי האָבן געטאָן צו מיר,
אַזוי האָב איך געטאָן צו זיי. 12 האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר האָבן
אַראָפּגענידערט דיך צו בינדן, כּדי דיך איבערצוגעבן אין דער האַנט
פֿון די פּלִשתּים. האָט שמשון צו זיי געזאָגט: שווערט מיר, אַז איר
אַליין וועט ניט אָנפֿאַלן אויף מיר. 13 האָבן זיי צו אים געזאָגט, אַזוי
צו זאָגן: ניין, בלויז בינדן וועלן מיר דיך בינדן און דיך איבערגעבן אין
זייער האַנט, אָבער טייטן וועלן מיר דיך ניט טייטן, און זיי האָבן אים
געבונדן מיט צוויי נײַע שטריק, און האָבן אים אַרויפֿגעבראַכט פֿון
דעם פֿעלז.

14 ווי ער איז געקומען ביז לחי, אַזוי האָבן די פּלִשתּים געשאַלט אים
אַנטקעגן; און אַ גײַסט פֿון גאָט איז געקומען אויף אים, און די
שטריק אויף זײַנע אָרעמס זײַנען געוואָרן אַזוי ווי פֿלאַקס וואָס איז
אָנגעברענט געוואָרן פֿון פֿײַער, און זײַנע בינדשטריק זײַנען צעקראָכן
פֿון זײַנע הענט. 15 און ער האָט געפֿונען אַ פֿרישע קינבאַק פֿון אַן
אייזל, און האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, און זי גענומען, און
געשלאָגן מיט איר טויזנט מאַן.

16 און שמשון האָט געזאָגט:

מיט דער קינבאַק פֿון אַן אייזל
הויפֿנס אויף הויפֿנס
מיט דער קינבאַק פֿון אַן אייזל
האָב איך געשלאָגן טויזנט מאַן.

17 און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט רעדן, אַזוי האָט ער
אַוועקגעוואָרפֿן די קינבאַק פֿון זײַן האַנט; און מע האָט גערופֿן
יענעם אָרט רמת-לחי.

18 און ער איז געוואָרן זייער דאָרשטיק, און ער האָט גערופֿן צו גאָט,
און האָט געזאָגט: דו האָסט געגעבן דורך דער האַנט פֿון דײַן קנעכט
די דאָזיקע גרויסע ישועה, און אַצונד וועל איך שטאַרבן פֿון דאָרשט,
און וועל אַרײַנפֿאַלן אין דער האַנט פֿון די אומבאַשניטענע. 19 האָט
גאָט אויפֿגעשפּאָלטן דעם אויסגעהוילטן אָרט וואָס אין לחי, און עס
איז אַרויס פֿון אים וואַסער; און ער האָט געטרונקען, און האָט
אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און אָפּגעלעבט. דרום האָט מען גערופֿן זײַן
נאָמען עין-הקורא, וואָס איז אין לחי ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

20 און ער האָט געמשפּט ישׂראל אין די טעג פֿון די פּלִשתּים
צוואַנציק יאָר.

# טז

1 און שמשון איז געגאַנגען קיין עזה, און האָט דאָרטן געזען
אַ פֿרוי אַ זונה, און איז צו איר געקומען. 2 [האָט מען
אָנגעזאָגט] די עזהער, אַזוי צו זאָגן: שמשון איז געקומען אַהער.
האָבן זיי אַרומגערינגלט, און געלויערט אויף אים אַ גאַנצע נאַכט
ביַים טויער פֿון שטאָט, און זיי האָבן זיך פֿאַרטײַעט אַ גאַנצע נאַכט,
אַזוי צו זאָגן: ביזן ליכט פֿון פֿרימאָרגן וועלן מיר אים הרגען. 3 און
שמשון איז געשלאָפֿן ביז האַלבע נאַכט, און אין האַלבע נאַכט איז
ער אויפֿגעשטאַנען, און האָט אָנגענומען די טירן פֿון דעם
שטאָטטויער, און די ביידע בײַשטידלעך, און האָט זיי אַרויסגעריסן
מיטן ריגל, און אַרויפֿגעטאָן אויף זײַנע אַקסלען, און האָט זיי
אַרויפֿגעטראָגן אויבן שפּיץ פֿון דעם באַרג וואָס פֿאַר חבֿרון.

4 און עס איז געווען נאָך דעם, האָט ער ליב געקראָגן אַ פֿרוי אין
טאָל שׂורק, וואָס איר נאָמען איז געווען דלילה. 5 זײַנען
אַרויפֿגעגאַנגען צו איר די פֿירשטן פֿון די פּלִשתּים, און האָבן צו איר
געזאָגט: רעד אים איבער, און זע מיט וואָס זײַן כּוח איז גרויס, און
מיט וואָס מיר קענען אים בײַקומען, און אים בינדן כּדי אים צו
פּײַניקן; און מיר וועלן דיר איטלעכער געבן טויזנט מיט הונדערט
זילבערשטיק.

6 האָט דלילה געזאָגט צו שמשונען: זאָג מיר, איך בעט דיך, מיט
וואָס דײַן כּוח איז גרויס, און מיט וואָס דו קענסט געבונדן ווערן דיך
צו פּײַניקן. 7 האָט שמשון צו איר געזאָגט: אַז מע זאָל מיך בינדן

מיט זיבן פֿרישע בויגנשטריק וואָס זייַנען נאָך ניט אייַנגעטריקנט
געוואָרן, וועל איך אָפּגעשלאַפֿט ווערן, און וועל זייַן ווי אַ
געוווינטלעכער מענטש.

8 האָבן די פֿירשטן פֿון די פּלִשתּים איר אַרויפֿגעבראַכט זיבן פֿרישע
בויגנשטריק וואָס זייַנען נאָך ניט אייַנגעטריקנט געוואָרן, און זי האָט
אים געבונדן מיט זיי. 9 און לויערער זייַנען געזעסן בייַ איר אין
קאַמער. האָט זי אַ זאָג געטאָן צו אים: פּלִשתּים זייַנען אויף דיר,
שמשון! האָט ער צעריסן די בויגנשטריק אַזוי ווי עס צערייַסט זיך אַ
צווערן פֿון פֿלאַקסשטרוי, אַז ער דערשמעקט פֿייַער. און זייַן כּוח איז
ניט דערוווּסט געוואָרן.

10 האָט דלילה געזאָגט צו שמשונען: זע, דו האָסט געשפּעט פֿון
מיר, און האָסט מיר געזאָגט ליגנס. אַצונד, זאָג מיר, איך בעט דיך,
מיט וואָס דו קענסט געבונדן ווערן? 11 האָט ער צו איר געזאָגט:
אויב בינדן זאָל מען מיך בינדן מיט נייַע שטריק וואָס מיט זיי איז ניט
געטאָן געוואָרן קיין אַרבעט, וועל איך אָפּגעשלאַפֿט ווערן, און וועל
זייַן ווי אַ געוווינטלעכער מענטש.

12 האָט דלילה גענומען נייַע שטריק, און האָט אים געבונדן מיט זיי,
און זי האָט אַ זאָג געטאָן צו אים: פּלִשתּים זייַנען אויף דיר, שמשון!
און לויערער זייַנען געזעסן אין קאַמער. האָט ער זיי צעריסן פֿון זייַנע
אָרעמס אַזוי ווי אַ פֿאָדים.

13 האָט דלילה געזאָגט צו שמשונען: ביז אַהער האָסטו געשפּעט פֿון
מיר און האָסט מיר געזאָגט ליגנס; זאָג מיר מיט וואָס דו קענסט
געבונדן ווערן. האָט ער צו איר געזאָגט: אַז דו וועסט אייַנוועבן די
זיבן פֿלעכטן פֿון מייַן קאָפּ מיט דעם געוועב.

14 האָט זי זיי באַפֿעסטיקט מיטן פּלעקל, און האָט אַ זאָג געטאָן צו
אים: פּלִשתּים זייַנען אויף דיר, שמשון! האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט
פֿון זייַן שלאָף, און האָט אַרויסגעריסן דאָס וועבפֿלעקל און דאָס
געוועב.

15 האָט זי צו אים געזאָגט: ווי קענסטו זאָגן: איך האָב דיך ליב, אַז
דייַן האַרץ איז ניט מיט מיר? שוין דרייַ מאָל האָסטו געשפּעט פֿון
מיר, און האָסט מיר ניט געזאָגט מיט וואָס דייַן כּוח איז גרויס. 16

און עס איז געווען, אַז זי האָט אים צוגעדריקט מיט אירע רייד אַלע
טעג, און איז צוגעשטאַנען צו אים ביז זײַן זעל איז געוואָרן
באַקלעמט צו שטאַרבן. 17 האָט ער איר דערציילט זײַן גאַנץ האַרץ,
און האָט צו איר געזאָגט: אַ שערמעסער איז ניט אויפֿגעקומען אויף
מײַן קאָפּ, וואָרום אַ נזיר פֿון גאָט בין איך פֿון מײַן מוטערס לײַב אָן.
אַז איך זאָל אָפּגעשאָרן ווערן, וועט זיך אָפּטאָן פֿון מיר מײַן כּוח, און
איך וועל אָפּגעשלאַפֿט ווערן, און וועל זײַן אַזוי ווי אַלע מענטשן.

18 האָט דלילה געזען, אַז ער האָט איר דערציילט זײַן גאַנץ האַרץ,
און זי האָט געשיקט און גערופֿן די פֿירשטן פֿון די פּלִשתּים, אַזוי צו
זאָגן: קומט אַרויף דאָס מאָל, וואָרום ער האָט מיר דערציילט זײַן
גאַנץ האַרץ. זײַנען אַרויפֿגעקומען צו איר די פֿירשטן פֿון די
פּלִשתּים, און זיי האָבן אַרויפֿגעבראַכט דאָס געלט אין זייער האַנט.
19 און זי האָט אים פֿאַרשלעפֿערט אויף אירע קני; און זי האָט
צוגערופֿן אַ מאַן, און געלאָזט אָפּשערן די זיבן פֿלעכטן פֿון זײַן קאָפּ;
און זי האָט אים אָנגעהויבן פּײַניקן, און זײַן כּוח האָט זיך אָפּגעטאָן
פֿון אים. 20 האָט זי אַ זאָג געטאָן: פּלִשתּים זײַנען אויף דיר, שמשון!
און ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זײַן שלאָף, און האָט געזאָגט: איך
וועל אַרויסגיין ווי אַלע מאָל, און וועל מיך פֿאַנאַנדערטרייסלען. און
ער האָט ניט געוווּסט אַז גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אים.

21 און די פּלִשתּים האָבן אים גענומען, און האָבן אויסגעשטאָכן
זײַנע אויגן; און זיי האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קיין עַזה, און האָבן
אים געשמידט אין קופּערנע קייטן; און ער האָט געמאָלן אין דער
געפֿענקעניש. 22 און די האָר פֿון זײַן קאָפּ האָט ווידער אָנגעהויבן
וואַקסן נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעשאָרן געוואָרן.

23 און די פֿירשטן פֿון די פּלִשתּים האָבן זיך אײַנגעזאַמלט צו
שלאַכטן אַ גרויסע שלאַכטונג צו זייער גאָט דגון, און זיך צו פֿרייען,
וואָרום זיי האָבן געזאָגט: אונדזער גאָט האָט געגעבן אין אונדזער
האַנט אונדזער פֿײַנט שמשונען. 24 און דאָס פֿאָלק האָט אים געזען,
און זיי האָבן געלויבט זייער גאָט, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: אונדזער
גאָט האָט געגעבן אין אונדזער האַנט אונדזער פֿײַנט, און דעם
פֿאַרוויסטער פֿון אונדזער לאַנד, און דעם וואָס האָט געמערט
אונדזערע דערשלאָגענע. 25 און עס איז געווען, אַז זייער האַרץ איז
געווען פֿריילעך, האָבן זיי געזאָגט: רופֿט שמשונען, און ער זאָל זיך

לוסטיק מאַכן פֿאַר אונדז. האָט מען גערופֿן שמשונען פֿון
געפֿענקעניש, און ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט פֿאַר זיי; און מע
האָט אים אַוועקגעשטעלט צווישן די זײַלן.

26 האָט שמשון געזאָגט צו דעם ייִנגל וואָס האָט אים געהאַלטן פֿאַר
דער האַנט: לאָז מיך איך זאָל אָנטאַפּן די זײַלן וואָס דאָס הויז איז
באַפֿעסטיקט אויף זיי, און איך וועל מיך אָנלענען אויף זיי. 27 און
דאָס הויז איז געווען פֿול מיט מענער און ווײַבער, און דאָרטן זײַנען
געווען אַלע פֿירשטן פֿון די פּלִשתּים; און אויפֿן דאַך זײַנען געווען
אַרום דרײַ טויזנט מענער און ווײַבער וואָס האָבן צוגעקוקט ווי
שמשון מאַכט זיך לוסטיק. 28 האָט שמשון גערופֿן צו גאָט, און האָט
געזאָגט: גאָט דו האַר, דערמאָן זיך אָן מיר, איך בעט דיך, און
שטאַרק מיך, איך בעט דיך, נאָר דאָס מאָל, גאָט, און לאָמיך זיך נוקם
זײַן איין מאָל אַ נקמה פֿאַר מײַנע ביידע אויגן אָן די פּלִשתּים. 29 און
שמשון האָט אַרומגענומען די ביידע מיטלסטע זײַלן וואָס דאָס הויז
איז געווען באַפֿעסטיקט אויף זיי, און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי;
איינעם מיט זײַן רעכטער האַנט, און איינעם מיט זײַן לינקער. 30 און
שמשון האָט געזאָגט: לאָמיך שטאַרבן אין איינעם מיט די פּלִשתּים!
און ער האָט זיך אַ בויג געטאָן מיט כּוח, און דאָס הויז איז
אײַנגעפֿאַלן אויף די פֿירשטן, און אויפֿן גאַנצן פֿאָלק וואָס דרינען.
און די טויטע וואָס ער האָט געטייט בײַ זײַן טויט, זײַנען געווען מער
ווי די וואָס ער האָט געטייט בײַ זײַן לעבן.

31 און זײַנע ברידער און דאָס גאַנצע הויז פֿון זײַן פֿאָטער האָבן
אַראָפּגענידערט, און האָבן אים גענומען, און אים אַרויפֿגעבראַכט,
און אים באַגראָבן צווישן צרעה און צווישען אשתּאול אין דעם קבֿר
פֿון זײַן פֿאָטער מנוחן.

און ער האָט געמשפּט ישׂראל צוואַנציק יאָר.

## יז

1 און עס איז געווען אַ מאַן פֿון דעם געבערג פֿון אפֿרים, וואָס
זײַן נאָמען איז געווען מיכה. 2 האָט ער געזאָגט צו זײַן מוטער:
די טויזנט מיט הונדערט זילבערשטיק וואָס זײַנען צוגענומען געוואָרן
בײַ דיר, און וואָס דו האָסט וועגן זיי געשאָלטן, און האָסט עס אויך
געזאָגט אין מײַנע אויערן– אָט איז דאָס זילבער בײַ מיר; איך האָב

עס גענומען. האָט זײַן מוטער געזאָגט: געבענטשט זאָל זײַן מײַן זון
פֿון גאָט! 3 און ער האָט אומגעקערט די טויזנט מיט הונדערט
זילבערשטיק צו זײַן מוטער, און זײַן מוטער האָט געזאָגט: הייליקן
האָב איך געהייליקט דאָס זילבער צו גאָט פֿון מײַן האַנט פֿאַר מײַן
זון, אויף צו מאַכן אַ געשניצט און אַ געגאָסן בילד; און אַצונד וועל
איך עס דיר צוריקגעבן. 4 און אַז ער האָט אומגעקערט דאָס זילבער
צו זײַן מוטער, האָט זײַן מוטער גענומען צוויי הונדערט
זילבערשטיק, און האָט עס געגעבן צום שמעלצער, און ער האָט
דערפֿון געמאַכט אַ געשניצט און אַ געגאָסן בילד, און עס איז געווען
אין מיכהס הויז. 5 און דער מאַן מיכה האָט געהאַט אַ הויז פֿון גאָט,
און ער האָט געמאַכט אַן אפֿוד און אַ תּרפֿים, און האָט דערפֿילט די
האַנט פֿון איינעם פֿון זײַנע זין, און ער איז אים געווען פֿאַר אַ כּהן.

6 אין יענע טעג איז קיין מלך ניט געווען אין ישׂראל; איטלעכער
האָט געטאָן וואָס איז רעכט אין זײַנע אויגן.

7 און עס איז געווען אַ יונגערמאַן פֿון בֵּית-לחם-יהודה, פֿון דער
משפּחה פֿון יהודה; און ער איז געווען אַ לֵוִי, און האָט זיך דאָרטן
אויפֿגעהאַלטן. 8 און דער מאַן איז אַוועק פֿון דער שטאָט, פֿון בֵּית-
לחם-יהודה, זיך אויפֿצוהאַלטן ווּ אים וועט זיך טרעפֿן; און ער איז
געקומען צו געבערג פֿון אפֿרים ביז מיכהס הויז, צו מאַכן זײַן וועג
ווײַטער. 9 האָט מיכה צו אים געזאָגט: פֿון וואַנען קומסטו? האָט ער
געזאָגט: אַ לֵוִי בין איך פֿון בֵּית-לחם-יהודה, און איך גיי זיך
אויפֿהאַלטן ווּ מיר וועט זיך טרעפֿן. 10 האָט מיכה צו אים געזאָגט:
בלײַב בײַ מיר, און זײַ מיר פֿאַר אַ פֿאָטער און פֿאַר אַ כּהן, און איך
וועל דיר געבן צען זילבערשטיק אַ יאָר, און אַן אויסשטאַנד קליידער,
און דײַנע קעסט. איז דער לֵוִי אַרײַנגעגאַנגען. 11 און דער לֵוִי האָט
אײַנגעוויליקט צו בלײַבן מיטן מאַן. און דער יונגערמאַן איז בײַ אים
געווען אַזוי ווי איינער פֿון זײַנע זין. 12 און מיכה האָט דערפֿילט די
האַנט פֿון דעם לֵוִי, און דער יונגערמאַן איז אים געווען פֿאַר אַ כּהן,
און ער איז געווען אין מיכהס הויז. 13 און מיכה האָט געזאָגט:
אַצונד ווייס איך אַז גאָט וועט מיך באַגיטיקן, אַז דער לֵוִי איז מיר
געוואָרן פֿאַר אַ כּהן.

יח 1 אין יענע טעג איז קיין מלך ניט געווען אין ישׂראל. און אין
יענע טעג האָט דער שבֿט דָן זיך געזוכט אַ נחלה אויף זיך צו
באַזעצן, וואָרום ביז יענעם טאָג איז אים גאָרנישט צוגעפֿאַלן פֿאַר אַ
נחלה צווישן די שבֿטים פֿון ישׂראל. 2 האָבן די קינדער פֿון דָן
געשיקט פֿון זייער משפּחה פֿינף מענער פֿון צווישן זיך, העלדישע
יונגען פֿון צרעה און פֿון אשתּאול, אויסצוקוקן דאָס לאַנד, און עס
אויסצופֿאָרשן. און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: גייט פֿאָרשט אויס דאָס
לאַנד. זײַנען זיי געקומען צום געבערג פֿון אפֿרים ביז מיכהס הויז,
און האָבן דאָרטן גענעכטיקט. 3 ווי זיי זײַנען לעבן מיכהס הויז, אַזוי
האָבן זיי דערקענט דעם קָול פֿון דעם יונגנמאַן, דעם לֵוִי, און זיי
האָבן אַהין פֿאַרקערט, און האָבן צו אים געזאָגט: ווער האָט דיך
אַהער געבראַכט? און וואָס טוסטו דאָ? און וואָס האָסטו דאָ? 4
האָט ער צו זיי געזאָגט: אַזוי און אַזוי האָט מיכה געטאָן צו מיר; און
ער האָט מיך געדונגען, און איך בין אים געוואָרן פֿאַר אַ כּהן. 5 האָבן
זיי צו אים געזאָגט: פֿרעג אַקאָרשט בײַ גאָט, כּדי מיר זאָלן וויסן
אויב אונדזער וועג וואָס מיר גייען אויף אים וועט באַגליקן. 6 האָט
דער כּהן צו זיי געזאָגט: גייט לשלום! פֿאַר גאָט איז אײַער וועג וואָס
איר גייט אויף אים.

7 זײַנען די פֿינף מענער געגאַנגען, און זיי זײַנען געקומען קיין ליש,
און האָבן געזען דאָס פֿאָלק וואָס אין איר – ווי זי זיצט אין
זיכערקייט, אַזוי ווי דער שטייגער פֿון די צידונים, רויִק און זיכער,
און ניטאָ אין לאַנד אַ מאַכטהאָבער וואָס זאָל אין עפּעס קריוודען,
און זיי זײַנען ווײַט פֿון די צידונים, און האָבן ניט קיין פֿאַרקער מיט
אַ מענטשן.

8 זײַנען זיי געקומען צו זייערע ברידער אין צרעה און אשתּאול; און
זייערע ברידער האָבן צו זיי געזאָגט: וואָס [זאָגט] איר? 9 האָבן זיי
געזאָגט: שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפֿגיין אויף זיי, וואָרום מיר
האָבן געזען דאָס לאַנד, ערשט עס איז זייער גוט. און איר שווײַגט?
איר זאָלט אײַך ניט פֿוילן צו גיין, כּדי צו קומען אַרבן דאָס לאַנד. 10
אַז איר קומט, וועט איר קומען צו אַ רויִקן פֿאָלק, און דאָס לאַנד איז
גערּאַם אין אָרט. פֿאַר וואָר, גאָט האָט עס געגעבן אין אײַער האַנט;
אַן אָרט וואָס דאָרטן פֿעלט ניט קיין זאַך וואָס אויף דער ערד.

11 האָבן אַוועקגעצויגן פֿון דאָרטן, פֿון דער משפחה פֿון דָן, פֿון
צרעה און פֿון אשתּאול, זעקס הונדערט מאַן אָנגעגורט מיט כּלי-
מלחמה. 12 און זיי זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען און האָבן געלאַגערט אין
קִרית-יערים, אין יהודה; דרום רופֿט מען יענעם אָרט מחנה-דָן ביז
אויף הײַנטיקן טאָג; ער איז הינטער קִרית-יערים. 13 און זיי זײַנען
אַריבער פֿון דאָרטן צום געבערג פֿון אפֿרים, און זײַנען געקומען ביז
מיכהס הויז.

14 האָבן זיך אָפּגערופֿן די פֿינף מענער וואָס זײַנען געגאַנגען
אויסקוקן דאָס לאַנד ליש, און האָבן געזאָגט צו זייערע ברידער:
ווייסט איר אַז אין די דאָזיקע הײַזער איז דאָ אַן אפֿוד און אַ תּרפֿים,
און אַ געשניצט און אַ געגאָסן בילד? און אַצונד, ווייסט וואָס איר
האָט צו טאָן.

15 האָבן זיי פֿאַרקערט אַהין, און זײַנען געקומען צום הויז פֿון דעם
יונגנמאַן דעם לֵוִי, צו מיכהס הויז, און האָבן אים געפֿרעגט אויף
פֿריד. 16 און די זעקס הונדערט מאַן אָנגעגורט מיט זייערע כּלי-
מלחמה, וואָס פֿון די קינדער פֿון דָן, זײַנען געשטאַנען בײַם אײַנגאַנג
פֿון טויער. 17 און די פֿינף מענער וואָס זײַנען געגאַנגען אויסקוקן
דאָס לאַנד, זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען, אַרײַן אַהין, און צוגענומען דאָס
געשניצטע בילד, און דעם אפֿוד, און דעם תּרפֿים, און דאָס
געגאָסענע בילד; און דער כּהן איז געשטאַנען בײַם אײַנגאַנג פֿון
טויער מיט די זעקס הונדערט מאַן אָנגעגורט מיט כּלי-מלחמה. 18
און ווי יענע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין מיכהס הויז, און האָבן
צוגענומען דאָס געשניצטע בילד מיט דעם אפֿוד, און דעם תּרפֿים,
און דאָס געגאָסענע בילד, אַזוי האָט דער כּהן צו זיי געזאָגט: וואָס
טוט איר? 19 האָבן זיי צו אים געזאָגט: שווײַג! טו אַרויף דײַן האַנט
אויף דײַן מויל, און גיי מיט אונדז, און זײַ אונדז פֿאַר אַ פֿאָטער און
פֿאַר אַ כּהן. איז דיר בעסער צו זײַן אַ כּהן בײַ איין מענטשנס הויז,
אָדער זײַן אַ כּהן בײַ אַ שבֿט און בײַ אַ משפחה אין ישׂראל? 20 האָט
זיך דעם כּהנס האַרץ דערפֿרייט, און ער האָט גענומען דעם אפֿוד,
און דעם תּרפֿים, און דאָס געשניצטע בילד, און איז אַרײַן צווישן
דעם פֿאָלק. 21 און זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט און זײַנען
אַוועקגעגאַנגען. און זיי האָבן געשטעלט די קליינע קינדער און דאָס
פֿי און דאָס גוטס זיך פֿאַרויס.

22 ווי זיי האָבן זיך דערווײַטערט פֿון מיכהס הויז, אַזוי זײַנען די
מענטשן וואָס אין די הײַזער לעבן מיכהס הויז זיך
צונויפֿגעלאָפֿן, און זיי האָבן אָנגעיאָגט די קינדער פֿון דָן. 23 און זיי
האָבן גערופֿן צו די קינדער פֿון דָן. האָבן יענע אומגעקערט זייער
פּנים, און האָבן געזאָגט צו מיכהן: וואָס איז דיר, וואָס דו ביסט זיך
צונויפֿגעלאָפֿן? 24 האָט ער געזאָגט: איר האָט צוגענומען מײַן גאָט
וואָס איך האָב געמאַכט, און דעם כֹּהן, און איר זײַט אַוועקגעגאַנגען,
און וואָס נאָך האָב איך? הײַנט וואָס זאָגט איר צו מיר:וואָס איז דיר?
25 האָבן די קינדער פֿון דָן צו אים געזאָגט: לאָז ניט הערן דײַן קָול
בײַ אונדז, וואָרום מענטשן מיט אַ ביטער געמיט וועלן נאָך אָנפֿאַלן
אויף אײַך, און וועסט אומברענגען דײַן נפֿש און די נפֿשות פֿון דײַן
הויזגעזינט.

26 און די קינדער פֿון דָן זײַנען געגאַנגען אויף זייער וועג. און מיכה
האָט געזען אַז זיי זײַנען שטאַרקער פֿון אים, און ער האָט זיך
אומגעדרייט און זיך צוריקגעקערט אין זײַן הויז.

27 און זיי האָבן גענומען דאָס וואָס מיכה האָט געמאַכט, און דעם
כֹּהן וואָס ער האָט געהאַט, און זיי זײַנען געקומען אויף ליש, אויף אַ
רויקן און זיכערן פֿאָלק, און האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון
שווערד, און די שטאָט האָבן זיי פֿאַרברענט אין פֿײַער. 28 און ווער
עס זאָל מציל זײַן איז ניט געווען, וואָרום זי איז געווען ווײַט פֿון
צידון, און קיין פֿאַרקער מיט אַ מענטשן האָבן זיי ניט געהאַט; און זי
איז געווען אין טאָל וואָס בײַ בֵּית-רחוב. און זיי האָבן אָפּגעבויט די
שטאָט, און האָבן זיך אין איר באַזעצט. 29 און זיי האָבן גערופֿן דעם
נאָמען פֿון דער שטאָט דָן, נאָך דעם נאָמען פֿון זייער פֿאָטער דָן וואָס
איז געבאָרן געווען בײַ ישׂראלן; אָבער ליש איז געווען דער נאָמען
פֿון דער שטאָט צוערשט.

30 און די קינדער פֿון דָן האָבן זיך אויפֿגעשטעלט דאָס געשניצטע
בילד, און יהונתן דער זון פֿון גרשום דעם זון פֿון מנשהן, ער און
זײַנע זין, זײַנען געווען כֹּהנים בײַם שבֿט דָן, ביזן טאָג פֿון דעם גלות
פֿון לאַנד. 31 און זיי האָבן געהאַלטן אויפֿגעשטעלט בײַ זיך דאָס
געשניצטע בילד וואָס מיכה האָט געמאַכט, אַלע טעג וואָס דאָס הויז
פֿון גאָט איז געווען אין שילו.

# יט

1 און עס איז געווען אין יענע טעג, ווען קיין מלך איז ניט
געווען אין ישׂראל, האָט אַ מאַן אַ לֵוִי געוווינט אין עק
געבערג פֿון אפֿרים, און ער האָט זיך גענומען אַ קעפּסווײַב פֿון בֵית-
לחם-יהודה. 2 און זײַן קעפּסווײַב איז אים געוואָרן אומטרײַ, און איז
אַוועקגעגאַנגען פֿון אים צו איר פֿאָטערס הויז קיין בֵית-לחם-יהודה,
און איז דאָרטן אָפּגעווען פֿיר חדשים צײַט. 3 איז אויפֿגעשטאַנען
איר מאַן, און איז געגאַנגען נאָך איר, צו רעדן צו איר האַרצן, כּדי זי
אומצוקערן; און מיט אים איז געווען זײַן יונג און אַ פּאָר אייזלען.
און זי האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין איר פֿאָטערס הויז; און ווי דער
פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי האָט אים דערזען, אַזוי האָט ער זיך
געפֿרייט אַנטקעגן אים. 4 און זײַן שווער, דער פֿאָטער פֿון דער
יונגער פֿרוי, האָט אים פֿאַרהאַלטן, און ער איז בײַ אים געזעסן דרײַ
טעג; און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, און האָבן דאָרטן
גענעכטיקט.

5 און עס איז געווען אויפֿן פֿירטן טאָג, האָבן זיי זיך געפֿעדערט אין
דער פֿרי, און ער איז אויפֿגעשטאַנען צו גיין. האָט דער פֿאָטער פֿון
דער יונגער פֿרוי געזאָגט צו זײַן איידעם: לען אונטער דײַן האַרץ
מיט אַ שטיקל ברויט, און דערנאָך וועט איר גיין. 6 האָבן זיי זיך
געזעצט, און האָבן ביידע אין איינעם געגעסן און געטרונקען, און
דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי האָט געזאָגט צו דעם מאַן:
באַוויליק, איך בעט דיך, און נעכטיק איבער, און לאָז ווילגיין דײַן
האַרץ. 7 און דער מאַן איז אויפֿגעשטאַנען צו גיין, אָבער זײַן שווער
איז צוגעשטאַנען צו אים, און ער האָט ווידער דאָרטן גענעכטיקט. 8
און ווי ער האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי אויפֿן פֿינפֿטן טאָג צו
גיין, אַזוי האָט דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי געזאָגט: לען
אונטער, איך בעט דיך, דײַן האַרץ, און פֿאַרווײַלט ביז דער טאָג נײַגט
זיך; און זיי האָבן ביידע געגעסן.

9 און דער מאַן איז אויפֿגעשטאַנען צו גיין, ער און זײַן קעפּסווײַב
און זײַן יונג; אָבער זײַן שווער, דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי,
האָט צו אים געזאָגט: זע נאָר, דער טאָג פֿאַרגייט צום אָוונט;
נעכטיקט איבער, איך בעט דיך; אָט זעצט זיך דער טאָג, נעכטיק דאָ,
און לאָז ווילגיין דײַן האַרץ, און מאָרגן וועט איר זיך פֿעדערן אויף
אײַער וועג, און וועסט גיין צו דײַן געצעלט. 10 אָבער דער מאַן האָט
ניט געוואָלט נעכטיקן, און ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַוועק,

און ער איז געקומען ביז אַקעגן יבֿוס –דאָס איז ירושלַים– און מיט
אים אַ פּאָר געזאָטלטע אייזלען, און זײַן קעפּסווײַב מיט אים.

11 אַז זיי זײַנען געווען בײַ יבֿוס, איז דער טאָג שוין געווען זייער
גענידערט, און דער יונג האָט געזאָגט צו זײַן האַר: קום, איך בעט
דיך, און לאָמיר אײַנקערן אין דער דאָזיקער שטאָט פֿון דעם יבֿוסי,
און נעכטיקן אין איר. 12 האָט זײַן האַר צו אים געזאָגט: מיר וועלן
ניט אײַנקערן אין אַ שטאָט פֿון פֿרעמדע, וואָס איז ניט פֿון די קינדער
פֿון ישׂראל; לאָמיר אַריבערגיין ביז גבֿעה. 13 און ער האָט געזאָגט צו
זײַן יונג: קום, און לאָמיר גענענען צו איינעם פֿון די ערטער, און מיר
וועלן נעכטיקן אין גבֿעה אָדער אין רמה.

14 זײַנען זיי ווײַטער געגאַנגען און זײַנען אַוועק; און די זון איז זיי
אונטערגעגאַנגען בײַ גבֿעה וואָס געהערט צו בנימין. 15 און זיי האָבן
פֿאַרקערט אַהין, כּדי אַרײַנצוגיין נעכטיקן אין גבֿעה. און ער איז
אַרײַנגעגאַנגען, און האָט זיך געזעצט אין מאַרק פֿון שטאָט, אָבער
קיין מענטש האָט זיי ניט אַרײַנגענומען אין הויז נעכטיקן. 16 ערשט
אַן אַלטער מאַן קומט אָן פֿון זײַן אַרבעט אין פֿעלד, אין אָוונט; און
דער מאַן איז געווען פֿון דעם געבערג פֿון אפֿרים, נאָר ער האָט זיך
אויפֿגעהאַלטן אין גבֿעה; און די מענטשן פֿון דעם אָרט זײַנען געווען
בנימינער. 17 און ווי ער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן, און האָט
דערזען דעם מאַן דעם דורכגייער אויפֿן מאַרק פֿון שטאָט, אַזוי האָט
דער אַלטער מאַן געזאָגט: וווּהין גייסטו? און פֿון וואַנען קומסטו? 18
האָט ער צו אים געזאָגט: מיר גייען אַריבער פֿון בית-לחם-יהודה צום
עק געבערג פֿון אפֿרים. איך בין פֿון דאָרטן, און איך בין געגאַנגען
קיין בית-לחם-יהודה, און צו גאָטס הויז גיי איך, און קיין מענטש
נעמט מיך ניט אַרײַן אין הויז. 19 און פֿאַראַן אי שטרוי אי פֿוטער
פֿאַר אונדזערע אייזלען, און פֿאַראַן אויך ברויט און ווײַן פֿאַר מיר,
און פֿאַר דײַן דינסט, און פֿאַר דעם יונג וואָס מיט דײַנע קנעכט; עס
פֿעלט ניט קיין זאַך. 20 האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט: פֿריד צו דיר!
אַלע דײַנע באַדערפֿענישן זאָלן נאָר זײַן אויף מיר; נאָר אויפֿן מאַרק
זאָלסטו ניט נעכטיקן.

21 און ער האָט אים געבראַכט אין זײַן הויז, און האָט פֿאַרמישט
פֿוטער פֿאַר די אייזלען; און זיי האָבן געוואַשן זייערע פֿיס, און האָבן
געגעסן און געטרונקען.

22 זיי טוען אַזוי ווויל זייער האַרץ, ערשט די מענטשן פֿון שטאָט,
מענטשן נידערטרעכטיקע יונגען, האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז,
קלאַפּנדיק אויף דער טיר, און זיי האָבן געזאָגט צו דעם אַלטן מאַן
דעם בעל-הבית, אַזוי צו זאָגן: ברענג אַרויס דעם מאַן וואָס איז
געקומען אין דײַן הויז, כּדי מיר זאָלן אים דערקענען. 23 איז
אַרויסגעגאַנגען צו זיי דער מאַן דער בעל-הבית, און האָט צו זיי
געזאָגט: ניט, ברידער! איר זאָלט ניט טאָן קיין בייז, איך בעט אײַך,
נאָך דעם אַז דער דאָזיקער מאַן איז געקומען אין מײַן הויז; איר
זאָלט ניט טאָן די דאָזיקע נבֿלה. 24 אָט איז מײַן טאָכטער די
יונגפֿרוי, און זײַן קעפּסווײַב; לאָמיך, איך בעט אײַך, זיי
אַרויסברענגען, און פּײַניקט זיי, און טוט צו זיי וואָס איז גוט אין
אײַערע אויגן, נאָר דעם דאָזיקן מאַן זאָלט איר ניט טאָן די דאָזיקע
שענדלעכע זאַך.

25 אָבער די מענטשן האָבן ניט געוואָלט צוהערן צו אים. האָט דער
מאַן אָנגענומען זײַן קעפּסווײַב, און אַרויסגעבראַכט צו זיי דערויסן;
און זיי האָבן זי דערקענט, און האָבן זי געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט
ביז באַגינען, און זי אָװעקגעלאָזט ווען דער פֿרימאָרגן איז
אויפֿגעגאַנגען. 26 און די פֿרוי איז געקומען אין אָנהייב באַגינען, און
איז אַנידערגעפֿאַלן און געלעגן אין אײַנגאַנג פֿון דעם מאַנס הויז
וואָס איר האַר איז דאָרטן געווען, ביז עס איז געוואָרן ליכטיק.

27 און איר האַר איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, און האָט
געעפֿענט די טירן פֿון הויז, און איז אַרויס צו גיין אויף זײַן וועג,
ערשט די פֿרוי, זײַן קעפּסווײַב, ליגט אַנידערגעפֿאַלן אין אײַנגאַנג פֿון
הויז מיט אירע הענט אויפֿן שוועל. 28 האָט ער צו איר געזאָגט: שטיי
אויף, און לאָמיר גיין; אָבער קיינער ענטפֿערט ניט. האָט ער זי
אַרויפֿגענומען אויפֿן אייזל; און דער מאַן איז אויפֿגעשטאַנען, און
איז אַוועק צו זײַן היים.

29 און ער איז געקומען אין זײַן הויז, און האָט גענומען דעם
שלאַכטמעסער, און האָט אָנגענומען זײַן קעפּסווײַב, און האָט זי
צעשניטן אויף אירע גלידער, אין צוועלף שטיקער, און האָט זי
פֿאַנאַנדערגעשיקט אין גאַנצן געמאַרק פֿון ישׂראל. 30 און עס איז
געווען, איטלעכער וואָס האָט עס געזען, האָט געזאָגט: אַזוי-וואָס איז
ניט געשען און ניט געזען געוואָרן פֿון דעם טאָג וואָס די קינדער פֿון

ישׂראל זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען פֿון לאַנד מצרים ביז אויף הײַנטיקן
טאָג. באַטראַכט אײַך וועגן דעם, האַלט אַן עצה, און רעדט!

כ 1 זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַלע קינדער פֿון ישׂראל, און די גאַנצע
עדה ווי איין מאַן, פֿון דָן און ביז באֵר-שֶׁבַ־ע און לאַנד גלעד,
האָט זיך אײַנגעזאַמלט צו גאָט קיין מִצפּה. 2 און די פֿאָרשטייער פֿון
גאַנצן פֿאָלק, פֿון אַלע שבֿטים פֿון ישׂראל, האָבן זיך געשטעלט אין
דער אײַנזאַמלונג פֿון גאָטס פֿאָלק, פֿיר הונדערט טויזנדט פֿוסגייער
וואָס ציען אַ שווערד.– 3 און די קינדער פֿון בנימין האָבן געהערט אַז
די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען קיין מִצפּה.– און די
קינדער פֿון ישׂראל האָבן געזאָגט: דערציילט, ווי אַזוי איז געשען
דאָס דאָזיקע בייז.

4 האָט זיך אָפּגערופֿן דער מאַן דער לֵוִי, דער מאַן פֿון דער
דערהרגעטער פֿרוי, און האָט געזאָגט: קיין גבֿעה וואָס געהערט צו
בנימין, בין איך געקומען, איך און מײַן קעפּסווײַב, צו נעכטיקן. 5
זײַנען אויפֿגעשטאַנען אויף מיר די מענער פֿון גבֿעה, און האָבן
אַרומגערינגלט דאָס הויז אַרום מיר בײַ נאַכט; מיך האָבן זיי
געטראַכט צו הרגען, און מײַן קעפּסווײַב האָבן זיי געפּײַניקט ביז זי
איז געשטאָרבן. 6 האָב איך אָנגענומען מײַן קעפּסווײַב, און האָב זי
צעשניטן, און האָב זי פֿאַנאַנדערגשיקט אין גאַנצן פֿעלד פֿון דער
נחלה פֿון ישׂראל, וואָרום זיי האָבן געטאָן אַ שענדלעכקייט און אַ
נבָ־לה אין ישׂראל. 7 אָט זײַט איר אַלע, קינדער פֿון ישׂראל, גיט
אַהער אײַער באַשייד און עצה.

8 האָט זיך אויפֿגעהויבן דאָס גאַנצע פֿאָלק ווי איין מאַן, אַזוי צו
זאָגן: מיר וועלן ניט גיין קיינער צו זײַן געצעלט, און מיר וועלן ניט
אײַנקערן קיינער אין זײַן הויז! 9 און אַצונד איז דאָס די זאַך וואָס
מיר וועלן טאָן צו גבֿעה: גיין אויף איר לויט גורל. 10 און מיר וועלן
נעמען צען מאַן פֿון הונדערט, פֿון אַלע שבֿטים פֿון ישׂראל, און
הונדערט פֿון טויזנט, און טויזנט פֿון צען טויזנט, אויף צו ברענגען
שפּײַז פֿאַרן פֿאָלק, כּדי זיי זאָלן טאָן, אַז זיי קומען צו גבֿע-בנימין,
לויט דער גאַנצער נבָ־לה וואָס זי האָט געטאָן אין ישׂראל.

11 און אַלע מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אויף דער
שטאָט, באַהעפֿט ווי איין מאַן. 12 און די שבֿטים פֿון ישׂראל האָבן
געשיקט מענטשן דורכן גאַנצן שבֿט בנימין, אַזוי צו זאָגן: וואָס פֿאַר
אַ בייז איז דאָ געשען צווישן אײַך? 13 און אַצונד גיט אַרויס די
מענטשן, די נידערטרעכטיקע יונגען, וואָס אין גבֿעה, און מיר וועלן
זיי טייטן, און אויסראַמען דאָס בייז פֿון ישׂראל.

אָבער די קינדער פֿון בנימין האָבן ניט געוואָלט צוהערן צו דעם קָול
פֿון זייערע ברידער, די קינדער פֿון ישׂראל. 14 און די קינדער פֿון
בנימין האָבן זיך אײַנגעזאַמלט פֿון די שטעט קיין גבֿעה, כּדי
אַרויסצוגיין אויף מלחמה מיט די קינדער פֿון ישׂראל. 15 און די
קינדער פֿון בנימין האָבן אין יענעם טאָג זיך געציילט פֿון די שטעט
זעקס און צוואַנציק טויזנט מאַן וואָס ציען אַ שווערד, אַחוץ די
באַוווינער פֿון גבֿעה וואָס האָבן זיך געציילט זיבן הונדערט
געקליבענע מענער. 16 דאָס דאָזיקע גאַנצע פֿאָלק, זיבן הונדערט
געקליבענע מענער, זײַנען געווען געלינקטע. איטלעכער פֿון די האָט
געוואָרפֿן אַ שטיין אין אַ האָר, און ניט פֿאַרפֿעלט.

17 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן זיך געציילט אַחוץ בנימין פֿיר
הונדערט טויזנט מאַן וואָס ציען אַ שווערד; אַלע די דאָזיקע,
מלחמה-לײַט. 18 און זיי זײַנען אויפֿגעשטאַנען, און זײַנען
אַרויפֿגעגאַנגען קיין בית-אֵל, און האָבן געפֿרעגט בײַ גאָט. און די
קינדער פֿון ישׂראל האָבן געזאָגט: ווער זאָל אונדז אַרויפֿגיין צוערשט
אויף מלחמה מיט די קינדער פֿון בנימין? האָט גאָט געזאָגט: יהודה
צוערשט.

19 זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען די קינדער פֿון ישׂראל אין דער פֿרי, און זיי
האָבן געלעגערט אויף גבֿעה, 20 און די מענער פֿון ישׂראל זײַנען
אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה מיט בנימין; און די מענער פֿון ישׂראל
האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה מיט זיי בײַ גבֿעה. 21 זײַנען די קינדער
פֿון בנימין אַרויסגעגאַנגען פֿון גבֿעה, און זיי האָבן אומגעבראַכט פֿון
ישׂראל אין יענעם טאָג צוויי און צוואַנציק טויזנט מאַן צו דער ערד.
22 אָבער דאָס פֿאָלק, די מענער פֿון ישׂראל, האָבן זיך געשטאַרקט,
און זיי האָבן ווידער אָנגעריכט אַ מלחמה אין דעם אָרט וואָס זיי
האָבן דאָרטן אָנגעריכט אין ערשטן טאָג.

23 און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען, און האָבן
געוויינט פֿאַר גאָט ביזן אָוונט, און זיי האָבן געפֿרעגט בײַ גאָט, אַזוי
צו זאָגן: זאָל איך ווידער גענענען אויף מלחמה מיט די קינדער פֿון
מײַן ברודער בנימין? האָט גאָט געזאָגט: גייט אַרויף אַקעגן אים.

24 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן גענענט צו די קינדער פֿון בנימין
אויפֿן צווייטן טאָג. 25 און בנימין איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן זיי פֿון
גבֿעה אויפֿן צווייטן טאָג, און זיי האָבן אומגעבראַכט פֿון די קינדער
פֿון ישׂראל נאָך אַכצן טויזנט מאַן צו דער ערד; אַלע די דאָזיקע האָבן
געצויגן אַ שווערד. 26 זײַנען אַלע קינדער פֿון ישׂראל, דאָס גאַנצע
פֿאָלק, אַרויפֿגעגאַנגען, און זיי זײַנען געקומען קיין בֵית-אֵל, און
האָבן געוויינט, און זיי זײַנען געזעסן דאָרטן פֿאַר גאָט, און האָבן
געפֿאַסט אין יענעם טאָג ביזן אָוונט, און אויפֿגעבראַכט
בראַנדאָפּפֿער און פֿרידאָפּפֿער פֿאַר גאָט. 27 און די קינדער פֿון
ישׂראל האָבן געפֿרעגט בײַ גאָט– וואָרום דער אָרון פֿון גאָטס בונד
איז דאָרט געווען אין יענע טעג; 28 און פּינחס דער זון פֿון אלעזר
דעם זון פֿון אַהרֹנען איז געשטאַנען פֿאַר אים אין יענע טעג– אַזוי
צו זאָגן: זאָל איך ווידער אַרויסגיין אויף מלחמה מיט די קינדער פֿון
מײַן ברודער בנימין, אָדער איך זאָל אויפֿהערן? האָט גאָט געזאָגט:
גייט אַרויף, וואָרום מאָרגן וועל איך אים געבן אין דײַן האַנט.

29 האָט ישׂראל געשטעלט לויערער אויף גבֿעה רונד אַרום. 30 און די
קינדער פֿון ישׂראל זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען אַקעגן די קינדער פֿון
בנימין אויפֿן דריטן טאָג, און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַקעגן
גבֿעה, אַזוי ווי די פֿריערדיקע מאָל. 31 און די קינדער פֿון בנימין
זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַקעגן דעם פֿאָלק – זיי זײַנען אָפּגעצויגן
געוואָרן פֿון שטאָט; און זיי האָבן אָנגעהויבן אַוועקלייגן פֿון דעם
פֿאָלק דערשלאָגענע אַזוי ווי די פֿריִעדיקע מאָל, אויפֿן פֿעלד, אויף די
וועגן וואָס איינער גייט אַרויף קיין בֵית-אֵל, און איינער קיין גבֿעה,
אַרום דרײַסיק מאַן פֿון ישׂראל. 32 און די קינדער פֿון בנימין האָבן
געזאָגט: זיי זײַנען געשלאָגן פֿאַר אונדז אַזוי ווי צוערשט; אָבער די
קינדער פֿון ישׂראל האָבן געזאָגט: לאָמיר אַנטלאָפֿן און זיי אָפּציִען
פֿון שטאָט צו די וועגן. 33 און אַלע מענער פֿון ישׂראל זײַנען
אויפֿגעשטאַנען פֿון זייער אָרט, און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין
בַעַל-תָּמר. און די לויערער פֿון ישׂראל זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פֿון
זייער אָרט, פֿון מַערה-גבֿע. 34 און זיי זײַנען געקומען פֿון אַקעגן

גבֿעה, צען טויזנט געקליבענע מענער פֿון גאַנץ ישׂראל, און עס איז
געווען אַ שווערע מלחמה; און יענע האָבן ניט געוווּסט, אַז זיי
טרעפֿט אַן אומגליק. 35 און גאָט האָט געשלאָגן בנימין פֿאַר ישׂראל,
און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן אומגעבראַכט פֿון בנימין אין יענעם
טאָג פֿינף און צוואַנציק טויזנט און הונדערט מאַן; אַלע די דאָזיקע
האָבן געצויגן אַ שווערד.

36 און די קינדער פֿון בנימין האָבן געזען, אַז זיי זײַנען געשלאָגן. און
די מענער פֿון ישׂראל האָבן געלאָזט אָרט פֿאַר די קינדער פֿון בנימין,
וואָרום זיי האָבן זיך פֿאַרזיכערט אויף די לויערער וואָס זיי האָבן
געשטעלט אויף גבֿעה. 37 און די לויערער האָבן געאײַלט און זיך אַ
לאָז געטאָן אויף גבֿעה, און די לויערער האָבן אַרײַנגעצויגן און האָבן
געשלאָגן די גאַנצע שטאָט מיטן שאַרף פֿון שווערד.

38 און אַן אָפּרעד איז געווען בײַ די מענער פֿון ישׂראל מיט די
לויערער, זיי זאָלן מאַכן אויפֿגיין אַ גרויס וואָלקן רויך פֿון שטאָט. 39
און ווי די מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך אומגעקערט אין דער מלחמה,
און בנימין האָט אָנגעהויבן אַוועקלייגן דערשלאָגענע פֿון די מענער
פֿון ישׂראל, אַרום דרײַסיק מאַן, ווײַל זיי האָבן געזאָגט: פֿאַר וואָר,
געשלאָגן איז ער געשלאָגן פֿאַר אונדז, אַזוי ווי אין דער ערשטער
מלחמה – 40 אַזוי האָט דער וואָלקן אָנגעהויבן אויפֿגיין פֿון שטאָט,
אַ זײַל רויך, און בנימין האָט זיך אומגעקערט הינטער זיך, ערשט די
גאַנצע שטאָט איז אויפֿגעגאַנגען אין רויך צום הימל. 41 און די
מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך אומגעקערט, און די מענער פֿון בנימין
זײַנען צעטומלט געוואָרן, וואָרום זיי האָבן געזען אַז אַן אומגליק
האָט זיי געטראָפֿן. 42 און זיי האָבן זיך אַוועקגעקערט פֿאַר די מענער
פֿון ישׂראל צום וועג פֿון מדבר, אָבער די מלחמה האָט זיי אָנגעיאָגט;
און די וואָס פֿון די שטעט האָבן אים אומגעבראַכט אין זײַן מיט. 43
זיי האָבן אַרומגערינגלט בנימין, אים נאָכגעיאָגט, צו מנוחה אים
געטריבן, ביז קעגן גבֿעה צו זונאויפֿגאַנג. 44 און עס זײַנען געפֿאַלן
פֿון בנימין אַכצן טויזנט מאַן; אַלע די דאָזיקע, העלדישע לײַט.

45 און זיי האָבן זיך פֿאַרקערט, און זײַנען אַנטלאָפֿן צום מדבר, צום
פֿעלז רִמון, אָבער יענע האָבן נאָכגעקליבן פֿון זיי אויף די וועגן פֿינף
טויזנט מאַן, און זיי האָבן זיי נאָכגעיאָגט ביז גדעום, און געשלאָגן
פֿון זיי צוויי טויזנט מאַן. 46 און אַלע וואָס זײַנען געפֿאַלן פֿון בנימין

אין יענעם טאָג, זייַנען געווען פֿינף און צוואַנציק טויזנט מאַן וואָס
האָבן געצויגן אַ שווערד, אַלע די דאָזיקע, העלדישע לייַט. 47 אָבער
זעקס הונדערט מאַן האָבן זיך פֿאַרקערט, און זייַנען אַנטלאָפֿן צום
מדבר, צום פֿעלז רִמון, און זיי זייַנען געזעסן אין פֿעלז רִמון פֿיר
חדשים.

48 און די מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך אומגעקערט צו די קינדער פֿון
בנימין, און האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד, פֿון דער
גאַנצער שטאָט ביז אַ בהמה, ביז אַלץ וואָס האָט זיך דאָרטן געפֿונען;
אויך האָבן זיי אַלע שטעט וואָס האָבן זיך דאָרטן געפֿונען,
אַוועקגעלאָזט אין פֿייַער.

## כא

1 און די מענער פֿון ישׂראל האָבן געהאַט געשוואָרן אין
מִצפּה, אַזוי צו זאָגן: קיינער פֿון אונדז זאָל ניט געבן זייַן
טאָכטער צו בנימין פֿאַר אַ ווייַב! 2 און דאָס פֿאָלק איז געקומען קיין
בֵית-אֵל, און זיי זייַנען דאָרטן געזעסן ביזן אָוונט פֿאַר גאָט, און זיי
האָבן אויפֿגעהויבן זייער קָול און געוויינט אַ גרויס געוויין. 3 און זיי
האָבן געזאָגט: פֿאַר וואָס, יהוה דו גאָט פֿון ישׂראל, איז דאָס געשען
אין ישׂראל, עס זאָל הייַנט געמינערט ווערן פֿון ישׂראל איין שבֿט?

4 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט זיך דאָס פֿאָלק געפֿעדערט,
און זיי האָבן דאָרטן געבויט אַ מזבח, און אויפֿגעבראַכט
בראַנדאָפּפֿער און פֿרידאָפּפֿער. 5 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן
געזאָגט: ווער איז פֿון אַלע שבֿטים פֿון ישׂראל, וואָס איז ניט
אַרויפֿגעגאַנגען אין דער אייַנזאַמלונג צו גאָט? וואָרום אַ גרויסע
שבֿועה איז געווען אַקעגן דעם וואָס איז ניט אַרויפֿגעגאַנגען צו גאָט
קיין מִצפּה, אַזוי צו זאָגן: טייטן זאָל ער געטייט ווערן!

6 און די קינדער פֿון ישׂראל האָט באַנג געטאָן אויף זייער ברודער
בנימין, און זיי האָבן געזאָגט: אָפּגעשניטן געוואָרן איז הייַנט איין
שבֿט פֿון ישׂראל! 7 וואָס זאָלן מיר טאָן וועגן ווייַבער פֿאַר די
געבליבענע, אַז מיר האָבן געשוואָרן בייַ גאָט זיי ניט צו געבן פֿון
אונדזערע טעכטער פֿאַר ווייַבער? 8 האָבן זיי געזאָגט: איז ווער
איינער דאָ פֿון די שבֿטים פֿון ישׂראל, וואָס איז ניט אַרויפֿגעגאַנגען

צו גאָט קיין מִצפּה? ערשט קיינער איז ניט געקומען אין לאַגער פֿון
יָבֵיש-גִלעד צו דער אײַנזאַמלונג.

9 וואָרום דאָס פֿאָלק איז איבערגעציילט געוואָרן, ערשט קיינער איז
דאָרטן ניט געווען פֿון די באַוווינער פֿון יָבֵיש-גִלעד.

10 האָט די עדה געשיקט אַהין צוועלף טויזנט מאַן פֿון די העלדישע
יונגען, און זיי האָבן זיי באַפֿוילן, אַזוי צו זאָגן: גייט און איר זאָלט
שלאָגן די באַוווינער פֿון יָבֵיש-גִלעד מיטן שאַרף פֿון שווערד, מיט די
ווײַבער און די קליינע קינדער. 11 און דאָס איז די זאַך וואָס איר
זאָלט טאָן: איטלעכן מאַנספּאַרשוין, און איטלעכע ווײַבספּאַרשוין
וואָס ווייס פֿון ליגן מיט אַ מאַנספּאַרשוין, זאָלט איר פֿאַרטיליקן.

12 האָבן זיי געפֿונען פֿון די באַוווינער פֿון יָבֵיש-גִלעד פֿיר הונדערט
מיידלעך יונגפֿרויען וואָס האָבן ניט געוווּסט פֿון אַ מאַן דורך ליגן
מיט אַ מאַנספּאַרשוין; און זיי האָבן זיי געבראַכט אין לאַגער קיין
שילו וואָס אין לאַנד כּנַען.

13 און די גאַנצע עדה האָט געשיקט און גערעדט צו די קינדער פֿון
בנימין וואָס אין פֿעלדז רִמון, און זיי האָבן זיי צוגערופֿן שלום. 14 און
בנימין האָט זיך אומגעקערט אין יענער צײַט, און זיי האָבן זיי
געגעבן די ווײַבספּאַרשוינען וואָס זיי האָבן געלאָזט לעבן פֿון די
ווײַבספּאַרשוינען פֿון יָבֵיש-גִלעד, אָבער אַפֿילו אַזוי זײַנען ניט געווען
גענוג פֿאַר זיי.

15 און דעם פֿאָלק האָט באַנג געטאָן אויף בנימין, וואָס גאָט האָט
געמאַכט אַ בראָך צווישן די שבֿטים פֿון ישׂראל. 16 און די עלטסטע
פֿון דער עדה האָבן געזאָגט: וואָס זאָלן מיר טאָן וועגן ווײַבער פֿאַר
די איבעריקע, אַז ווײַבער זײַנען פֿאַרטיליקט געוואָרן פֿון בנימין? 17
און זיי האָבן געזאָגט: אַן אַנטרונענע ירושה מוז בלײַבן בנימינען, כּדי
עס זאָל ניט אויסגעמעקט ווערן אַ שבֿט פֿון ישׂראל. 18 מיר אָבער
קענען זיי ניט געבן ווײַבער פֿון אונדזערע טעכטער, וואָרום די
קינדער פֿון ישׂראל האָבן געשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרשאָלטן דער
וואָס גיט אַ ווײַב צו בנימין! 19 און זיי האָבן געזאָגט: אָט איז אַ יָום-
טוֹב צו גאָט פֿון יאָר צו יאָר אין שילו וואָס אין צפֿון פֿון בֵית-אֵל, צו
מזרח פֿון דעם וועג וואָס גייט אויף פֿון בֵית-אֵל קיין שכֶם, און אין
דָרום פֿון לבוֹנָה.

20 און זיי האָבן געהייסן די קינדער פֿון בנימין, אַזוי צו זאָגן: גייט
און איר זאָלט לויערן אין די ווײַנגערטנער. 21 און איר וועט צוזען;
און אָט ווי די טעכטער פֿון שילו וועלן אַרויסגיין צו טאַנצן אין די
טענץ, אַזוי זאָלט איר אַרויסגיין פֿון די ווײַנגערטנער, און אײַך כאַפּען
איטלעכער אַ ווײַב פֿאַר זיך פֿון די טעכטער פֿון שילו, און אַוועקגיין
אין לאַנד בנימין. 22 און עס וועט זײַן, ווי זייערע פֿאָטערס אָדער
זייערע ברידער וועלן קומען זיך קריגן מיט אונדז, אַזוי וועלן מיר
זאָגן צו זיי: לײַטזעליקט זיי אונדז, וואָרום ניט פֿאַר איטלעכן האָבן
מיר געקריגן אַ ווײַב אין דער מלחמה; איבריקנס האָט איר זיי זיי ניט
געגעבן, אַז איר זאָלט אַצונד שולדיק זײַן.

23 האָבן די קינדער פֿון בנימין אַזוי געטאָן, און זיי האָבן גענומען
ווײַבער, לויט זייער צאָל, פֿון די טענצערינס וואָס זיי האָבן
אַוועקגערויבט; און זיי זײַנען געגאַנגען און האָבן זיך אומגעקערט צו
זייער נחלה, און האָבן אָפּגעבויט די שטעט, און זיך באַזעצט אין זיי.

24 און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען פֿון
דאָרטן אין יענער צײַט איטלעכער צו זײַן שבֿט און צו זײַן משפּחה;
און זיי זײַנען אַוועק פֿון דאָרטן איטלעכער צו זײַן נחלה.

25 אין יענע טעג איז קיין מלך ניט געווען אין ישׂראל; איטלעכער
האָט געטאָן וואָס איז רעכט אין זײַנע אויגן.

© 2005 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.